STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05740

DI TSVEYTE EKZISTENTS

A. Almi

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. אלמי (א. ח. שעפס)

די צווייטע עקזיסטענץ

פארלאג „קאסמאס"
ניו־יארק מאנטרעאל
1921

איבּערזעצען און איבּערדרוקען אָהן דעם
אויטאָר'ס ערלויבּניש — פאַרבּאָטען.

איך בין זיכער, אז ס'איז, ווירקליך, פאראן אזא זאך ווי לעבען נאכאמאל און אז דאס לעבען שפּראצט־ ארויס פון טויט, אז די גייסטער פון די געשטאָר־ בענע עקזיסטירען, און אז די גוטע נשמות האבען א בעסערע מערכה ווי די שלעכטע.

סאקראטעס.

דער מענש, וואס גלויבט נישט אין העלזעהונג (קלעירוואיאנס), פארדינט נישט אנגערופען צו ווערען ס ק ע פ ט י ק ע ר: ער איז בלויז אומוויסענד.

שאפענהויער.

ס'איז נישט פאראן קיין טויט; דאס, וואס זעהט אזוי אויס, איז בלויז אן איבערגאנג.

לאנגפעלאו.

די פאקטען וועגען דער רעאליטעט פון גייסטער־ ערשיינונגען זענען אזוי קלאר באוויזען געווארען, אז מיר אליין קענען אנהייבען צוזאמענשטעלען זייער ביא־ לאגיע און פסיכאלאגיע.

לאמבראזא.

איך בין אזוי איבערצייגט אין דעם מענש'ס עקזיס־ טענץ נאכ'ן טויט, ווי איך בין איבערצייגט, אז איך שרייב אין דעם מאמענט דידאזיגע שורות.

דר. וו. י. קראפארד.

באמערקונגען צום בוך.

„די צווייטע עקזיסטענץ" איז דאס ערשטע ווערק איבער'ן ספיריטואליזם אין דער אידישער שפראך.

ס'איז אין דער איצטיגער צייט נישט פאראן קיין איין אייראפעאישע שפראך, אין וועלכער ס'זאל נישט זיין א גרעסערע אדער קלענערע ליטעראטור וועגען דער ספיריטואליסטישער וויסענשאפט. זאל אונזער שפראך קיין אויסנאהם נישט זיין.

דער ספיריטואליזם איז אין די לעצטע יאהרען אומגעהויער פארשפרייט און פאפולער געווארען אין אלע לענדער, וואו עס געפינען זיך מענשען, וואס אינטערעסירען זיך מיט העכערע פראגען.

די אלטע פראגע פון „השארת־הנפש", פון א לעבען נאכ'ן טויט, וועלכע האט לעצטענס באקומען א פילאזאפישע און וויסענשאפטליכע באגרינדונג, איז געווארען א טעמע פאר דעבאטען צווישען די גרעסטע וויסענשאפטסלייט און דיכטער.

אויך דער ברייטער עולם איז אריינגעצויגען געווארען אין די דיסקוסיעס איבער דערדאזיגער פראבלעמע — ווייל וועלכער מענש קען בלייבען גלייכגילטיג צו דער פראגע: אויב עס עקזיסטירט א לעבען אויף יענער זייט פון קבר, אויב אונזער עקזיסטענץ ווערט פארטגעזעצט נאכדעם ווי דער ערדישער קערפער ווערט פערשאטען מיט ערד?

איך האב זיך באמיהט אין מיין בוך צו ברענגען ציטאטען און איבערגעבען די ערפארונגען פון די גרעסטע וויסענשאפטליכע אויטאריטעטען אין ספיריטואליזם, כדי דער אידישער לעזער זאל קריגען א באגריף פון דעם מאדערנעם פילאזאפיש־וויסענשאפטליכען אקולטיזם.

איך דערוואַרט פאראויס, אז אין מאנכע קרייזען וועט מיין בוך באגעגענט ווערען מיט א שמייכעל, ווי ס'איז, געוויינטליך, שטענדיג דער פאל, ווען מ'קומט אין דער עפענטליכקייט ארויס מיט אידעען, וואס „לייגען זיך ניט אויפ'ן שכל"...

איך וויים דאס... בפרט נאך, אז איך זוך נישט צו באהאלטען מיינע

אייגענע אנשויאונגען וועגן דער לעהרע, איבער וועלכער כ'האָב געמאַכט אַ גרונטליך שטודיום.

דער חוזק־שמייכעל פון „קלוגע" לייט האָט ניט צוריקגעהאַלטען אַ טייל פון די בעסטע פאַרשטעהער פון וויסענשאַפט, פילאָזאָפיע און קונסט אָפּען ארויסצוזאָגען זייערע מיינונגען וועגן דער לעהרע פון אומשטערבליכקייט און זיי האָבען אויסגעטראָטען אַ וועג פאַר אנדערע.

איך בין נישט אויסען אימיצען צו מאַכען פאַר אַ גלויביגען ספּיריטואַליסט; איך וויל קודם די אידישע לעזער באַקענען מיט'ן ספּיריטואַליזם און פאַרלאַנג דערפאַר פון זיי איין זאַך: זיי זאָלען רוהיג וועגען דעם נאָכטראַכטען, אורטיילען פאַר זיך אליין און פּערזענליך נאָכצוזוכען. אויב דאָס איז פאַר זיי מעגליך.

אַ לעהרע, וואָס צעהלט צווישען איהרע אָנהענגער אַזעלכע פּערזענליכקייטען ווי פלאַמאַריאָן, הענרי בערגסאָן, וויליאם קרוקס, לאָמבראָזאָ, אָליווער לאָדזש, דר. היסלאָפּ און פיעל אנדערע — אַזאַ לעהרע פאַרדיענט יעדענפאַלס, אַז מ'זאָל זיך צו איהר באַציהען ערנסט.

* * *

דער ספּיריטואַליזם אַלס מאָדערנע באַוועגונג איז אָנטשטאַנען אין יאָהר 1848 אין די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקא. די ערשטע מעדיומס זיינען געווען די צוויי שוועסטער פאָקס.

הער און מאַדאַם פאָקס און זייערע טעכטער, וועלכע האָבען געוואוינט אין היידוויל נ.י., זענען שטאַרק געשטערט געוואָרען פון אומפאַרשטענדליכע גערוישען און קלאַפּערייען, וואָס האָבען אָנגעהאַלטען אַ לענגערע צייט און באַאומרוהיגט דאָס הויז. קייט פאָקס, איינע פון די טעכטער, האָט אנטדעקט, אַז די קלאַפּערייען זענען פאַראורזאַכט פון אַן אינטעליגענטער קראַפט, וואָס וועט געבען ענטפערס אויף פראַגען. אַ קאָמוניקאַציע איז עטאַבלירט געוואָרען און ס'האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז די קלאַפּערייען און גערוישען קומען פון אַ דערמאָרדעטען הענדלער.

געהיימע גערוישען אין הויז, מיסטעריעזע קולות זענען קיין איבעראַשונג נישט פאַר די, וואָס האָבען שטודירט פּסיכישע ערשיינונגען. די געזעלשאַפטען פאַר פּסיכישער פאָרשונג האָבען אָנגעזאַמעלט הונדער־

טער אזעלכע פאקטען. אז דאס זענען נישט קיין אויסדאכטענישען, נאר רעאליטעטן, באווייזען די געלונגענע פראבען צו פאטאגראפירען די מיסטעריעזע באוועגונגען פון מעבעל, די געהיימע פייערלעך, וואס ווערען געזעהן ביי טייל ספיריטואליסטישע סעאנסען, און אויף פאטאגראפּלאטען האבען זיך דייטליך אפּגעדרוקט די סודות'דיגע גלאקען־קלאנגען, מענשליכע שטימען און דאס שפּיעלען פון מוזיקאלישע אינסטרומענטען—ערשיינונגען, וואס ווערען ארויסגערופען פון אומזיכטבארע קרעפטען, אהן וועלכער־ס'איז פיזישער באריהרונג, און קענען דערפאר נישט דערקלערט ווערען מיט איינער פון די „פיזישע געזעצען".

די שוועסטער פאקס זענען, ווי געזאגט, געווען די ע ר ש ט ע מעדיומס—אבער די ערשטע פון א ו נ ז ע ר צייט, ווייל דער ספּיריטואליזם איז שוין אלט טויזענטער יאהרען. אין דער ביבעל געפינען זיך נאך סמנים, אז אין דער ביבלישער צייט איז שוין פּראקטיצירט געווארען אקולטיזם, ווי, צום ביישפּיעל, דער סעאנס, וואס דער קעניג שאול האט דאן געהאט מיט א דאמאלטיגען מעדיום, א פרוי פון עין־דר, דורך וועלכע ער האט ארויסגערופען דעם גייסט פון נביא שמואל—וואס דאס באווייזט, אז ס'פלעגען דאן פארקומען ספּיריטואליסטישע סעאנסען, כאטש די פּראקטיצירונג דערפון איז דורך דעמזעלבען שאול שטרענג פארבאטען געווען.

שאול'ס סעאנס מיט דער פרוי פון עין־דר האט ארויסגערופען א סך דיספּוטען צווישען די „תנאים" און „גאונים". דער בן־סירא גלויבט אין דער רעאליטעט פון דעם סעאנס (בן־סירא מ"ו). א צדוקי האט פאר רבי אבוה אויסגעדריקט זיין פארוואונדערונג ווי־אזוי דער מעדיום האט געקענט אראפּברענגען פון הימעל דעם נביא שמואל'ס נשמה. אבער רבי אבוה האט איהם דערקלערט, אז אין די ערשטע צוועלף חדשים נאכ'ן טויט קומט די נשמה אפט באזוכען דעם קערפער אין קבר און אזוי ווי דעם נביא'ס קבר איז נאך נישט אלט געווען קיין יאהר, האט דער מעדיום בעת אזא וויזיט ארויסגערופען פון קבר שמואל'ס נשמה.

די גאונים רב האי, סעדיה, שמואל בן חפני, דער רמב"ם און דער רלב"ג האבען פּראבירט וועקנעהמען דאס „אומנאטירליכע" פון שאול'ס סעאנס און דאס דערקלערען אויף א ראציאנאלען, שכל'דיגען אופן. אבער דער אברבנל איז מיט זיי נישט איינפארשטאנען און ער ווייזט־אן, אז

ס׳עקזיסטירט יא א געהיימער כח און די פרוי פון עין־דר איז באוועסען מעדיומישע פעהיגקייטען. *)

פאראן באווייזען, אז אין רוים—אין דער בליהענדער פעריאדע פון דער אימפעריע—האבען עקזיסטירט ספיריטואליסטישע געזעלשאפטען, וועלכע האבען זיך אפגעגעבען מיט סעאנסען, און צווישען זייערע מיט־גלידער האבען זיך געפונען די גרעסטע פערזענליכקייטען.

דער ספיריטואליזם פארנעהמט אויך א טייל פון די פריהע גרי־כישע מיסטעריען: איינע פון די באשטעטיגונגען דערפאר געפינט מען ביי פלאטא׳ן, וועלכער זאגט, אז דאס וויסען, וואס איז דערגרייכט געווארען פון די מיסטעריען, איז א פולע פארזיכערונג פון אומשטערבליכקייט.

עגיפטען און אינדיען זענען פון שטענדיג אן באוואוסט מיט זייערע וואונדער, אבער קיין פראטאקאלען זענען, פארשטעהט זיך, נישט געבליבען פון די אלטע ספיריטואליסטישע געזעלשאפטען און די פאק־טען פון גייסטער־ערשיינונגען און גייסטער־קאמוניקאציע, וואס ווערען דערצעהלט פון יענער צייט, ווערען דערפאר באטראכט פאר לעגענדע.

עס איז א גוט־באקאנטער פאקט, אז אין כינע און אין אנדערע מזרח־לענדער, וואו די פארשטארבענע ווערען פארהייליגט, איז דער כעאנס א געוועהנליכע פאמיליען־זאך. די, וואס האבען אזעלכע סעאנסען בייגעוואוינט, דערצעהלען, אז נאכדעם ווי אז עלטערע פרוי פאלט־אריין אין א מין שלאף אדער חלשות־צושטאנד, גיט זי איבער צו דער פארזא־מעלטער פאמיליע מיטטיילונגען און זאגאר באפעהלען פון דעם פאר־שטארבענעם משפחה־מיטגליד, ווי אויך איינדרוקען פון דער וועלט, אין וועלכער זי געפינט זיך בעת׳ן טראנס. ווען זי ערוואכט ווייס זי גאר־נישט, וואס מיט איהר איז פארגעקומען.

דער וויסענשאפטליכער רענעסאנס פון אונזער צייט מאכט מעגליך דעם ספיריטואליזם אוועקצושטעלען אויף א פעסטען באזיס, איהם אריינצונעהמען אין דער רייה פון אלע וויסענשאפטען, און ס׳איז שוין

---

*) ה׳ יעקב גארדאן אז אינטעליגענטער רב פון טאראנטא, קאנאדע, האט א היבשע קאלעקציע פון שטעלען אין דער ביבעל און תלמוד, וואס באציהען זיך אויפ׳ן אקולטיזם אין יענע צייטען. עס וועט זיין א פאר־דינסט, ווען ער זאל דאס פארעפענטליכען.

נישט ווייט די צייט, ווען דער ספּיריטואַליזם וועט פון אַלע אָנערקענט ווערען פאַר אַ פּאָזיטיווער וויסענשאַפט—און פאַר דער העכסטער און וויכטיגסטער פון אַלע וויסענשאַפטען.

* * *

דער ספּיריטואַליזם ווערט געטיילט אין צוויי טיילען: אין אידעאַליסטישען און מאַטעריאַליסטישען. צום ערשטען טייל געהערט דער גלויבען, די איבערצייגונג, אַז די נשמה איז אומשטערבליך, אַז דאָס לעבען ווערט פאַרגעזעצט אָהן אונזער ערדישען קערפּער; און צום צווייטען טייל געהערט די פּראַקטיצירונג פון גייסטער־קאָמוניקאַציע.

פאַר פיעל מענשען זעהען די סעאַנסען אויס ווי אַ פאַרשוועכונג פון אַ הייליגקייט; זיי זענען געגען דעם, אַז מ׳זאָל די פאַרשטאָרבענע אַרויסרופען דורך קינסטליכע מיטלען, אויסער ווען דאָס איז אומבאַדינגט נייטיג פאַר ה ע כ ע ר ע צוועקען. איינער פון די, וואָס האַלטען אַזוי, איז דער קאַנאַדישער געלערנטער ד״ר אַלבערט דוראַנט וואַטסאָן, אַ מיטגליד פון דער קאַנאַדיש־קעניגליכער אַסטראָנאָמישער געזעלשאַפט און געוועזענער פּאַרזיצענדער פון דער קאַנאַדישער געזעלשאַפט פאַר פּסיכישער פאָרשונג. אין זיינעם אַ בריעף צו מיר, דאַטירט דעם 22טען סעפּטעמבער, 1919, באַמערקט ער, אַז כאָטש ער וויל דער עולם זאָל רעאַליזירען די אומזיכטבאַרע קראַפט פון אַ גייסטער־וועלט, איז ער דאָך געגען דעם „אָרדינערן סאָרט ספּיריטואַליזם״. „איך גיב זיך אָפּ— שרייבט ער מיר—מיט גייסטער־קאָמוניקאַציע בלויז פאַר די העכסטע מיסטישע און רעליגיעזע צוועקען״.

אַזאַ מיינונג דאַרף זיכער רעספּעקטירט ווערען. אָבער מיר דאַכט, אַז גראַד דער „אָרדינערער ספּיריטואַליזם״,—ווי ד״ר וואַטסאָן רופט עס אַנטהאַלט אין זיך דעם העכסטען אידעאַליזם. די גייסטער־קאָמוניקאַציע דאַרף זיכער אויסגענוצט ווערען פאַר די אײדעלסטע מיסטישע און רעליגיעזע צוועקען, אָבער איז דען קענען דעם רעליגיעזען געפיהל צו ברענגען טרייסט און האָפנונג צו יענע, פון וועמען די נאָהענטסטע און ליעבסטע זענען אָפּגעשיידט געוואָרען?

מיט דער צייט, ווען די מענשען וועלען ווערען נעהענטער צום ספּיריטואַליזם און זיך טיפער אריינטראַכטען און אריינלעבען אין די סודות פון לעבען און טויט, וועט זיך אין זיי אפשר אנטוויקלען דער חוש

צו זעהן—און הערען—דאָס אומזיכטבארע, נישט דארפענדיג אנקומען צו ספּעציעלע קינסטליכע מיטלען.

אָבער איצט טרעפט מיט פיעל מענשען, אז זיי זעהען געהיימע ערשיינונגען, וועלכע זיי ווייסען נישט ווי צו דערקלערען. פון די באַוואוסטע פּערזענליכקייטען, וואָס האָבען אזעלכעס איבערגעלעבט, איז דאָ ווערט צו דערמאָנען עדוואַרד קאַרפּענטער, וועלכער דערצעהלט אין זיין בוך „מיי דעים ענד דריימס" (מיינע טעג און חלומות), אז יאָהרען־לאַנג נאָך זיין מוטער'ס טויט פלעגט ער זי זעהן און פיהלען האַרט לעבען זיך, ווי אַ האַלב־שיינענדע פיגור, זעהר רעאַל, נאָר מיט נישט־דייטליכע ליניען, גרעסער ווי נאָרמאַל.

* * *

אָפט קומט מיר אויס צו הערען אזעלכע טענות:

וואָס ווילט איהר מיט די טויטע? לאָזט זיי צורוה! דאָס לעבען איז שעהן, דאָס לעבען האָט פריידען און פאַרגעניגענס—טאָ צוליעב וואָס זיך דרעהען ארום קברים?

דאָס לעבען האָט טויזענטער פראַגען, שווערע פּראָבלעמען, וואָס דאַרפען אַנטשיידען ווערען און וואַרטען אויף אַן ענטפער—טאָ פאַרוואָס זיך באַשעפטיגען מיט דעם פּראָבלעם פון טויט?

געוועהנליך ענטפער איך אזעלכע:

טאָקע דערפאַר, וואָס דאָס לעבען איז שעהן, זוכען מיר דאָס לעבען אויך אין טויט.

נאָר—ווער זאָגט עס, אז מיר גיבען זיך אָפּ מיט'ן טויט? פאַר ספּיריטואַליסטען עקזיסטירט נישט קיין טויט. מיר אינטערעסירען זיך מיט'ן אייביגען לעבען, וואָס פליכט אויף ביידע זייטען פון אונזער עקזיסטענץ.

מיר זעהען דאָס לעבען אומעטום, מיר פיהלען דאָס לעבען אומעטום. מיר גלויבען נישט, אז דאָס לעבען הערט אויף, אז דאָס לעבען שטעלט זיך אָפּ. מיר זענען דערפאַר די לעבעדיגסטע און לעבענסלוסטיגסטע מענשען.

איהר „אינטערעסירט" זיך (כלומרשט) נישט מיט'ן טויט, ווייל איהר האָט מורא פאַר איהם, ווייל איהר גלויבט אין זיין עקזיסטענץ.

מיר קענען וועגן איהם רוהיג רעדען, דיסקוטירען וועגען איהם און איהם שטודירען, ווייל מיר ווייסען, אז דער טויט איז בלויז די בריק, איבער וועלכער מיר געהען אריבער פון לעבען צו לעבען, פון עקזיסטענץ צו עקזיסטענץ.

* * *

עס זענען פאראן פארשידענע מעטאָדען ווי צו קאָמוניקירען מיט דער גייסטער־וועלט: אויטאָמאטיש האנט־שרייבען, טראנס (אזא מין שלאָף־צושטאנד), דורך א טישעל און אנדערע.

דער סעאנס מיט׳ן טישעל איז זעהר פאָפולער. אבער נישט אלע וואס באנוצען זיך מיט׳ן טישעל, האבען דערביי די נויטיגע ערנסטע פארהאַלטונג. ביי א סך איז עס א שפּיעל און זיי באגרייפען אליין נים וואס זיי טהוען.

נאטירליך געלינגט עס נישט אלעמען, אפילו די וואס האבען דערצו אן ערנסטע באציהונג. עס פאָדערט זיך א סך געדולד און גלויבען. אבער די „קלוגע" לייט שמייכלען: מענשען זאלען זיך אזוי נאריש מאכען! און נאך ווען—אין צוואנציגסטען יאהרהונדערט!...

קוקט זיך אבער צו צו פארשידענע ערפינדונגען און אנטדעקונגען, וועט איהר זעהן אויף וואס פארא איינפאכען, כמעט קינדישען אופן עס ווערען דערגרייכט וואונדערליכע רעזולטאטען. ווייסט איהר די זעהר איינפאכע קאָמבינאציע, דורך וועלכער עס באקומט זיך עלעקטריציטעט —דידאזיגע וואונדערבארע קראפט? וואס, צ.ב. קען נאך זיין איינפאכער ווי א פידעל? אבער וואס פארא גרויסארטיגע מעלאָדיען א יאשא חפץ אדער א מישא עלמאַן קריגען ארויס פון דער פּשוט׳ער וויאָלין, פיהרענדיג דעם סמיק איבער די סטרונעס!

די קאָמבינאציע פון מענשליכע נערוון מיט׳ן פּשוט׳ן, הילצערן טישעל, אין דעם האלב־שאָטענדיגען צימער, איז אן אנטפּלעקונג פון דעם טויט!

אליזוער לאָדוש׳ס פאמיליע האָט זיך סקעפּטיש באצויגען צו דער גייסטער־קאָמוניקאציע, שוין ווען לאָדוש איז געווען אן איבערצייגטער ספּיריטואַליסט. זיינע אייגענע האבען אליין פּראָבירט, אהן דער הילף פון מעדיומס, טאָקע מיט׳ן טישעל, און עס איז זיי געלונגען. מיט דער

צייט איז עס ביי דער לאדזש־פאמיליע געווארען א געוועהנליכע, טאג־טעגליכע זאך זיך דורכ'ן טישעל צונויפצורעדען מיט רעימאנד לאדזש. וועלכער איז געפאלען אויף'ן שלאכטפעלד בעת דעם גרויסען פעלקער־קריג.

מיט אנדערע מעטאדען פון גייסטער־קאמוניקאציע וועלען זיך די לעזער באקענען אין די טיילען פון דעם ווערק, וואו עס ווערען איבער־געגעבען פאקטען און פראטאקאלען פון סעאנסען.

א. א ל מ י

1

אומשטערבליכקייט.

דער שווערער קאמף, וואס דער מענש האט פון שטענדיג אן געמוזט פיהרען פאר זיינע טאג־טעגליכע באדערפנישען, פאר זיין עקזיסטענץ אויף דער ערד, האט איהם אוועקגעריסען פון די העכערע, גייסטיגע פראבלעמען. אבער נישט אינגאנצען! די אייביגע רעטענישען און סודות, וואס פילען־אן די וועלט האבען געמאטערט דעם מענשענ׳ס מח נאך אין די פריהסטע צייטען; אין די פרייע מינוטען פון רוה האט זיך דער מענש פארטראכט, נאכגעקלערט וועגען די וואונדער, וואס רינגלען איהם ארום. איין פראגע נאך דער אנדערער איז געבוירען געווארען אין זיין מח און וואס מעהר ער האט געקלערט, אלץ מעהר און מעהר זענען די פראגען געווארען.

דער פרימיטיווער מענש האט מעהר געזעהן ווי מיר, ווייל ער האט געלעבט מיט דער נאטור, געווען א טייל פון איהר; ער האט אויך א בעסערען געהער און א שארפער אויג געהאט. די געהיימע כחות פון דער נאטור האבען איהם געוואונדערט און געשראקען; ער האט די ער־שיינונגען, די „נאטירליכע" און „אומנאטירליכע"—אין דער זין ווי מיר פאסען זיי איצט אויף—געזוכט צו דערקלערען און ער האט זיי דערקלערט אויף אן אופן, וואס האט זיך איהם ווי־ס׳איז „געלייגט אויף׳ן שכל". מ׳מוז דערביי מודה זיין, אז אין ליכט פון די נייעסטע פסיכישע פארשונגען זענען מאנכע אויסטייטשונגען, וואס דער „ווילדער" האט געגעבען אויף דער מיסטעריע פון לעבען, פיל נעהענטער צום אמת ווי, צומביישפיעל, די „וויסענשאפטליכע דערקלערונג" פון א היינטיגען מאטעריאליסט...

פארשטעהט זיך, אז דאס גרעסטע רעטעניש איז פאר׳ן מענשען שטענדיג געווען דער טויט. דער „ווילדער" האט געזעהן ווי זיין קרוב אדער פריינד איז געבליבען ליגען אומבאוועגליך. אט, נאר־וואס,

איז ער געווען גלייך ווי ער, זיך באַוועגט, געגאַנגען, גערעדט, גענעסען— און מיט אַמאָל איז ער געוואָרען ווי די ערד, ווי דער שטיין, שטום, בלינד, טויב. ער האָט זיך געבראָכען דעם קאָפּ צו פאַרשטעהן: וואָס איז דאָס? פאַרוואָס איז דאָס? ווי אַזוי געשעהט דאָס?

דער ציוויליזירטער מענש האָט אויסערליך שלום געמאַכט מיט'ן געדאַנק פון טויט; ס'איז דאָך נאַטירליך: אַ מענש לעבט־אָפּ זיין צייט און שטאַרבט. אָבער וואָס איז נאָכ'ן טויט? וואָס איז אויף יענער זייט שוועל? איז בכלל פאַראַן אַ „יענע זייט"? איז דער קבר דער סוף פון אַלץ? ענדיגט זיך מיט'ן פיזישען טויט די עקזיסטענץ?

פאַרשידענע ענטפערס זיינען אויף דידאָזיגע פראַגען געגעבען גע־וואָרען, אָבער די מעהרסטע האָבען נישט צופרידענגעשטעלט. קהלת'עס אורטייל איז אַ קורצער: הבל הבלים, הכל הבל—אַלץ איז נאַריש, זינלאָז, טאָ נאָך וואָס דאָס גאַנצע האַוועו און מיהען זיך? אַ סך גרויסע גייסטער אין אַלע צייטען האָבען אַזוי אויפגעפאַסט דאָס פּראָבלעם פון לעבען און טויט. אָבער נישט אַלע האָבען געקענט אָננעהמען אַזאַ אורטייל, אַן אורטייל, וואָס פיהרט צו נירוואַנאַ. „צופיעל געטליכע חכמה—זאָגט ערגעץ אַ גרויסער דענקער—ווייזט זיך אַרויס אין דער פיזישער, גייסטיגער און מאָראַלער קאָנסטרוקציע פון דעם געוועהנליכען מענשליכען באַשעפע־ניש, אַז מ'זאָל קענען צולאָזען אַ געדאַנק, אַז ער איז באַשאַפען געוואָרען אָהן וועלכען־ס'איז געטליכען צוועק".

די רעליגיע איז געווען דער איינציגער קוואַל, וואו דער מענש האָט געקענט געפינען טרייסט און האָפנונג אין שאָטען פון טויט, און די רעליגיע איז טאַקע געווען די ערשטע און די איינציגע, וואָס האָט געגעבען אַ צופרידענשטעלענדען ענטפער אויפ'ן גרויסען רעטעניש. פאַר דער רעליגיע איז דער טויט נישט דער ענדליכער סוף פון דעם מענשענ'ס „איך", פון זיין אינדיווידועלער עקזיסטענץ, נאָר דער איבער־גאַנג פון איין וועלט אין אַן אַנדערער, צו אַ פיל בעסערער וועלט ווי די ערדישע; צו אַ וועלט, וואו זיין עקזיסטענץ ווערט פאָרטגעזעצט נאָכ'ן פיזישען טויט אויף דר'ערד.

די רעליגיע האָט דעם מענשען געשטעלט אַ מאַסע באַדינגונגען און

געבּאָטען דורך וועלכע זיך צו פאַרדינען „יענע וועלט", און אויב ער וועט דאָס אַלץ נישט אָפּהיטען וועט ער זיך פּרעגלען אין די פייערן פון גיהנום אָדער גאָר רוהלאָז מוזען ארומוואַגלען אין „עולם התוהו", און זיין עקזיסטענץ וועט זיין שרעקליכער ווי אַלע ליידען פון דער ערד צוזאַמענגענומען. די גרויסע רעליגיעזע מאָראַליסטען האָבען געמוזט שרעקען, כדי די שטראָף זאָל אָפּהאַלטען פון זינד און די מאַמינים זאָלען פיהרען אַ זויבער, מאָראַליש לעבען. אָבער אַ סך גאָטספּאָרכטיגע לייט האָט די שטענדיגע מורא פאַר זינד געבּראַכט צו רעזיגנאַציע פון דעם ערדישען לעבען מיט זיינע פריידען, וואונדערבּאַרע שענקייטען און פאַרגעניגענס; טייל פון זיי זענען דערגאַנגען צו פולשטענדיגען אַסקעטיזם, צו אַבּסאָלוטער אָפּזאָגונג פון לעבענס־גענוסען. דאָס איז זיכער געוועזן, און איז פון די אַלע, וואָס פּראַקטיצירען דאָס, די שרעקליכסטע זינד קעגען גאָט, קעגען דער שעפונג, קעגען דעם מענשליכען מין.

אין די לעצטע עטליכע דורות האָט די רעליגיע אויפגעהערט שפּילען איהר גרויסע ראָלע פון אַמאָל, איבּערהויפּט אין אונזער מאַטעריאַליסטישער צייט. די אויטאָריטעט איהרע איז געפאַלען. דער אַטעאיזם האָט ארומגעכאַפּט גרויסע מאַסען, וועלכע זענען ארויסגעוואַקסען פון די „אָפּיציעלע" רעליגיעזע צערעמאָניאַלען, און באַפרייענדיג זיך פון דער אָפּיציעלער רעליגיע מיט איהרע דאָגמען און געבּאָטען, האָבען זיי אויך בּיסלעכווייז פאַרלוירען זייערע רעליגיעזע געפיהלען און געוואָרען גראָב־מאַטעריאַליסטיש. בּלויז איינצעלנע, די אינטעלעקטועל־רייפערע, זענען געבּליבּען רעליגיעז אין זייער אינערליכען איך, פּאָעטיש אָדער פילאָזאָפיש רעליגיעז, אָהן דער אָפּיציאַליטעט פון די פאַרגעשריבּענע קאַנוןנצען.

צוזאַמען מיט די רעליגיעזע געפיהלען איז אין די מענשען אויך אויסגעלאָשען געוואָרען דער גלויבען אין „השארת־הנפש", אין דער אומשטערבליכקייט פון דער נשמה, ווי בכלל יעדער „בּלינדער" גלויבען. אויבערפלאַכליך הייסט עס, אַז די דיזאַזיגע ארט נישט דער געדאַנק פון שטערבליכקייט, פון פאַרניכטונג; אָבער ס'איז גענוג אַביסעל טיפער אריינצוקוקען אין זייערע נשמות, צו באַמערקען, אַז אומרוהע נעסטעט

דארט, ווייל קיין זאך, וואס לעבט, וויל ניט אונטערגעהן, און דער געדאנק פון פארניכטונג איז צו שרעקליך, אז וועלכעס־ס'איז לעבעדיגע באַשעפעניש זאל קענען ווערען גלייכגילטיג צו איהם.

דער אטעאיסט איז אין זיין אינערליך וועזען אומרוהיג און הילפלאז און דאס הארץ זיינס איז טויב צו דער כלומרשטער גלייכגילטיגקייט איבער דעם אומפארמיידליכען שיקזאל. אבער וואס קען ער זיך העלפען? ער האט דאך קיין אנדער ברירה נישט, אויב ער איז זיכער, אז אומשטערבליכקייט איז אוממעגליך, אז גייסט אהן מאטעריע קען נישט עקזיסטירען און מיט'ן טויט אויף דר'ערד ענדיגט זיך דאס לעבען.

די טרוקענע מאטעריאליסטישע וויסענשאפט, וואו דער אומרוהיגער גייסט זוכט אן ענטפער אויף די שווערע פראגען, קען איהם נישט צופרידענשטעלען מיט איהר קאלטער אנטשיידונג, אז דער מענש איז נישט מעהר ווי מאטעריע און איז אונטערגעווארפען די פיזישע נאטור־געזעצען, אויסער וועלכע ער קען נישט לעבען, און מיט'ן פיזישען טויט ווערט אויפגעלעזט זיין אינדיווידואליטעט, אבער אלס מאטעריע בלייבט ער עקזיסטירען אויף אייביג, ווייל די אטאמען פון דעם צופאלענעם קערפער פאראייניגען זיך מיט די אטאמען פון דעם אוניווערזום, ווערען פארוואנדעלט אין אנדערע שטאפען און—דאס איז דעם מענשען'ס אייביגקייט...

נאר דאס איז א טרייסט וואס קען נישט טרייסטען, אן אייביגקייט'', וואס איז א באליידיגונג פאר דעם שטאלצען, שעפערישען מענשליכען באשעפניש, פאר דעם עבען־בילד פון אלמעכטיגען גאט... דער מענש פארשטעהט, און וויל, אונטער אומשטערבליכקייט די אייביגע עקזיסטענץ פון זיין אינדיווידואליטעט, פון זיין באוואוסטזיין; אויב ווידער מיט זיין טויט ווערט זיין ,,איך'' פארניכטעט, טא וואס פאר אן אומשטערבליכקייט איז עס? דערפאר קען אויך נישט צופרידענשטעלען דער ענטפער פון דער אידעאליסטישער פילאזאפיע, וועלכע אנערקענט אויך א וועלט פון גייסט אויסער דער וועלט פון מאטעריע. די אידעאליסטישע פילאזאפיע טרייסט דעם מענש, אז נאך זיין טויט פארשמעלצט זיך זיין גייסט מיט'ן אוניווערזאלען גייסט; די באוואוסטזיניגקייט, די

אינדיווידואליטעט פון גייסט הערט טאקע אויף, דערפאר האט ער די זכיה צו ווערן א טראפן אין דער נשמה פון קאסמאס...

די אידעאליסטישע פילאזאפיע, ווי די רעליגיע, איז געבויט אויף געפיהלען, אויף גלויבען און סענטימענטען; דער מאטעריאליזם דאגעגען שטיצט זיך אויף פאקטען, אויף איבערצייגונגען, וואס ער דערגרייכט דורך וויסענשאפטליכע עקספערימענטען. דער מאטעריאליסט מעסט דעם וועלטאל מיט אן ארשין און וועגט די שעפונג אויף א וואגשאל... אט דאס —זאגט ער אייך—זענען די געזעצען פון דער נאטור. אבער ווי איז, אז די ארשין און די וואגשאל זענען נישט די ריכטיגע? אפשר זיינען פאראן נאך קרעפטען און העכערע געזעצען, פון וועלכע די וויסענשאפט ווייסט נאך נישט?

דער אומצופרידענער פארשער, וואס האט נישט געוואלט—און נישט געקענט—גלאט גלויבען, און נאך ווייניגער געקענט ביי זיך פועל'ען צו באגרענעצען זיך מיט די „פאזיטיווע וויסענשאפטען" פון מאטעריאליזם, זיך צו בעשרענקען צו די „געזעצען", וועלכע דער מאטעריאליזם האט פארגעשריבען פאר דער געטליכער שעפונג,—האט, אומאפהענגיג פון גלויבען און פאראורטייל, געזוכט, זיך פאר'עקשנ'ט געגריבעלט אין די טראנסצענדענטאלע ערשיינונגען פון לעבען, אין דעם ריזיגען פענאמען פון דער שעפונג. אזעלכע אומצופרידענע פארשער האבען זיך געפונען בלויז איינצעלנע אין פארשידענע לענדער און זייערע פארשונגען האבען, ענדליך, געפיהרט צו דער אנטדעקונג פון א נייער וועלט, א וועלט, וועלכע איז נישט אונטערגעווארפען די פיזישע געזעצען פון דער מאטעריע, און וועלכע מאכט א! אמת'ע רעוואלוציע אין די אזוי־גערופענע וויסענשאפטליכע אמת'ן.

מיר שטעהן איצט פאר דער וואונדערליכסטער עפאכע אין דער מענשליכער געשיכטע — אן עפאכע, אין וועלכער די פינסטערע וואנט, וואס האט אונז אפגעטיילט פון „יענער זייט קבר", ווערט זיין אומגעשליידערט. דאס, וואס האט לאנגע דורות פאר די מעהרסטע מענשען אויסגעזעהן אוממעגליך און מיט וועלכען בלויז איינצעלנע האבען דא און דארט זיך אפגעגעבען, וועט ווערן נאטירליך פאר דער גאנצער מענשהייט. די זעהבארע

וועלט וועט שטעהן אין שטענדיגער פארבינדונג מיט דער אומזעהבארער וועלט. דער טויט וועט מעהר ביי קיינעם נישט ארויסרופען קיין שרעק און גרויל. נאר וועט באטראכט ווערען ווי דער איבערגאנג צו אן אנדער וועלט, צו א העכער און שענער לעבען, צו דער אייביגקייט.

די ספּיריטואליסטישע וויסענשאפט, מיט וועלכער עס פארנעהמען זיך די גרעסטע וויסענשאפטסלייט, פילאזאפען און פּאעטען פון דער היינטיגער צייט, האט דורך א רייהע וויסענשאפטליכע עקספּערימענטען באוויזען דעם אבסאלוטען אמת פון אלטען גלויבען אין השארת־הנפש; מיט אומבא־שטרייטבארע, איבערצייגענדע פאקטען באשטעטיגט זי די עקזיסטענץ פון אן אומזעהבארער, נישט־מאטעריעלער וועלט און צ ײ ג ט א י ב ע ר אין דער מעגליכקייט צו קאמוניקירען מיט די באוואוינער פון יענער אומ־זיכטבארער וועלט, מיט די, וועלכע דער טויט האט פון אונז אפגעשיידט. איז די וויסענשאפטליכע לאבאראטאריעס פון די ספּיריטואליסטען ווערט דער אלטער אמת פון אומשטערבליכקייט אויף ס׳ניי פּראקלאמירט און באזירט אויף א רעאלען פונדאמענט.

דער ספּיריטואליזם איז נישט קיין רעליגיע, ער שאפט נישט קיין דאגמען און קיין דינים, ער פאדערט נישט פון זיינע אנהענגער קיין „בלינדען" גלויבען, ער זאגט נישט צו דאס גן־עדן און שרעקט נישט מיט׳ן גהינום; ער פארעפענטליכט בלויז די רעזולטאטען פון לאנגע יאהרען שטרענג־וויסענשאפטליכע פארשונגען, פון לאנגזאמע, פארזיכטיגע אונ־טערזוכונגען, און פאר יעדען איינעם בלייבט די פרייהייט נישט צו גלויבען און צו קריטיקירען. דאס איינציגע, וואס די ספּיריטואליסטען פארלאנגען איז — אז יעדער סקעפּטיקער זאל אליין נאכזוכען, אליין דערגעהן דעם אמת.

דער ספּיריטואליזם געהט נישט ארויס פון דער אלגעמיינער ווי־סענשאפט. נאר איז א צווייג פון איהר, א באזונדער צווייג, און די טיר איז אפען פאר אלע געלערנטע, וואס אינטערעסירען זיך מיט סופּרא־פיזישע פראגען און זוכען דעם אמת. די צאהל פון סקעפּטיקער, פון צווייפלער איז נאך גענוג גרויס צווישען די געלערנטע, איבערהויפּט, פארשטעהט זיך, פון דער מאטעריאליסטישער שולע, אבער מיט יעדען

יאהר ווערט גרעסער די צאהל פון די וויסענשאפטלייט און דענקער, וואס אנערקענען דעם ספּיריטואליזם און שטעלען זיך אין דער רייה פון זיינע אנהענגער.

דערווייל האבען די ספּיריטואליסטען אויסצושטעהן גענוג באליידיגונגען, שפּאט און זאגאר פארפאלגונגען פון פארשידענע זייטען, ווי די פּיאנערען פון יעדער נייער באוועגונג, אבער זיי טראגען דאס גערולדיג אריבער און געהען ווייטער אן מיט זייערע פארשונגען און עקספּעריםענטען, וועלכע ווארפען וואס ווייטער אלץ מעהר ליכט אויף די רעטענישען פון לעבען, אויף די פּסיכישע ערשיינונגען, וועלכע פּלעגען אלעמאל באטראכט ווערען פאר צופעליגע, דערקלערט ווערען אמאל מיט האלוצינאציע און אן אנדער מאל גאר אפּגע׳פּטר׳ט ווערען מיט „ס׳האט זיך מיר אויסגעדאכט‟. איצט ווערען די אלע ערשיינונגען פארזיכטיג שטודירט, אונטערזוכט און איינגעטיילט באזונדער, וואו יעדע ערשיינונג געהערט: אויב עס איז א פאל פון האלוצינאציע, פון אן אוסדאכטעניש, אדער די פאקטען און באווייזען זיינען נישט גענוג זיכער, ווערען זיי פון די פארשער אויסגעבראקירט. בלויז געקליבענע „איבערנאטירליכע‟ פארפאלען פון טויזענטער, וואס פאסירען אזוי אפט איבער דער וועלט, ווערען אנגענומען און רעקארדירט אין די פּראטאקאלען פון די געזעלשאפטען פאר פּסיכישע אונטערזוכונגען — אזעלכע געפינען זיך איצט במעט אין אלע ציוויליזירטע און האלב־ציוויליזירטע לענדער.

ווען יעדער פון אייך זאל זיך בעסער צוקוקען צו דער וועלט און צו זיך, צו אלץ וואס געהט־פאר ארום אייך, זיך אריינטראכטען אין דער פארגאנגענהייט, אויפמישען אין זכרון געוויסע רעטזעלהאפטע פּאסירונגען און זיך אין זיי פארטיפען, זיך פארקלערען וועגען מאדנע זאכען, וואס האבען געטראפען מיט אייך פערזענליך, וועגען טייל חלומות און באטאליסטישע ערשיינונגען, וועט פאר אייך זיכער ערשיינען אן אומפארשטענדליכער פענאמען, אויף וועלכען איהר וועט מוזען זוכען אן ענטפער אין די ספּיריטואליסטישע אנטדעקונגען, אויב איהר זענט ניט פון די „אלוויסענדע‟ וואס האבען ליב אלדינג אוועקצומאכען מיט דער האנט אדער עס סטעמפּלען אלס „באבע׳מעשה‟, נאך איידער זיי האבען

פּרובירט וועגען דעם אַ טראַכט צו טון, נאָר איהר ווילט וויסען, לערנען, פאַרשטעהן זאַכען, וועט איהר דעם ענטפער קריגען, דעם אמת'ן ענטפער.

איך מיין נישט צו זאָגען, אַז אַלץ, וואָס זעהט אויס פון אויבענאויף „איבערנאַטירליך" איז טאַקי אַזוי. אָבער אַ היבשער פּראָצענט פון די טויזענטער „מאָדנע זאַכען", וואָס פּאַסירען, געהערט זיכער צו די פּסיכי־שע ערשיינונגען, מיט וועלכע די געלערנטע ספּיריטואַליסטען גיבען זיך אָפּ אין זייערע לאַבאָראַטאָריעס. נישט ווייניג פון די „באָבע מעשיות" זענען פאַקטען, רעאַליטעטען, און עס ליגט אַ סך אמת אין טייל נסים, וואָס מ'דערצעהלט זיך אָן פון „זנאַכערס", „גוטע יידען" און „טויטען־פאַרשפּרעכער". די „נסים" קענען דערקלערט ווערען מיט איינע פון די פּסיכישע קרעפטען וואָס זיינען איצט באַקאַנט אַלס היפּנאָטיזם, קלערוואַיאַנס, אויטאָמאַטיזם אד"ג.

נישט אַלץ איז נאָך דערקלערט, נישט אַלץ קען נאָך דערקלערט ווערען: נישט אַלע ערשיינונגען פון טראַנסצענדענטאַלען כאַראַקטער זענען שוין אויסגעפאָרשט. ס'איז נאָך דאָ אַ סך צו זוכען, אַ סך צו אַרבייטען, אַ סך צו פאַרשטעהן און דאָס. וואָס מ'ווייסט שוין, איז ערשט אָן אָנ־הויב, ווי אַ טראָפּען אין ים. די געלערנטע אַרבייטען אומדערמידליך, מיט געדולד און, ווי געזאָגט, מיט אומגעהייערער פאָרזיכטיגקייט, ווייל, ווי אויף יעדען געביט, זוכען זיך דאָ אויך אַריינצוקריגען שווינדלערס, וועלכע פּרעטענדירען אויף אויסערגעוועהנליכע פּסיכישע פעהיגקייטען. מ'האָט אַזוי אויך גענוג אויסצושטעהן פון די „קלוגע", אַלוויסענדע גענ־נער, ביי וועלכע אַלע מעדיומס זיינען שווינדלער... ס'איז גענוג צו דער־מאָנען די מרויעריגע ערפאַרונג, וואָס מאַדאַם פּאַלאַדינאַ, — די באַ־וואוסטע מעדיום, מיט וועלכע פּראָפ. לאָמבראָזאָ האָט געמאַכט אַזעלכע געלונגענע עקספּערימענטען, — האָט געהאַט בעת איהר וויזיט אין אַמעריקע. די רעפּאָרטערס פון דער געלער פּרעסע זענען אַרויס מיט אַ סענסאַציע, אַז מ'האָט זי געכאַפּט ביי שווינדעל... די עהרליכע מענשען, וואָס האָבען ביינעוואוינט די סעאַנסען, צווישען זיי אַזאַ באַריהמטער ערנסטער געלערנטער ווי פּראָפ. מינסטערבערג. האָבען דערנאָך אָפּגעליי־קענט דעם שענדליכען בלבול פון דער סענסאַציאָנעלער פּרעסע און דער־

קלערט, אז מאדאם פאלאדינא, וועלכע האט, ווירקליך, באוויזען וואונ־דערבארע זאכען, קען אויך קיין פאל נישט באשולדיגט ווערען אין אפנארעריי.

די ספיריטואליסטישע געלערנטע זיינען זעהר לאנגזאם מיט די פערזאנען — מעהרסטענס פרויען, — וועלכע ווייזען־ארויס סופראַ־נארמאלע אייגענשאפטען און נאר דאן ווען זיי זענען פולשטענדיג איבערצייגט, אז זיי האבען צו טון מיט אזעלכע, וואס באזיצען, ווירקליך, א „זעקסטען חוש", ווערען זיי פארעכענט פאר מעדיומס. פונדעסט־וועגען זענען די ספיריטואליסטען דערנאך אויך זעהר און זעהר פארזיכטיג מיט די מעדיומס און באנוצען זיך מיט פארשידענע סמנים, כדי צו זיין זיכער, אז די ידיעות, וואס די מעדיומס גיבען זיי איבער אין נאמען פון גייסטער, בעת די סעאנסען, קומען טאקע פון אן אנדער וועלט און נישט פון מעדיום'ס פאנטאזיע. איבערהויפט היט מען זיך פאר דער טעלעפאטיע — דער כח צו לעזען יענעמס געדאנקען, וואס איינינע באזיצען און וואס כמעט אלע מענשען פארמאגען מעהר־ווייניגער. אויב טייל מיטטיילונגען פון די גייסטער־ספערען קענען פון סקעפטיקער דערקלערט ווערען מיט טעלעפאטיע, זענען אבער די מעהרסטע ערפאַ־רונגען פון גייסטער־קאמוניקאציע פון אזא כאראקטער, אז זיי קענען בשום־אופן נישט אויסגעטייטשט ווערען מיט טעלעפאטיע. די פאקטען, וועלכע כ'וועל שפעטער ברענגען, וועלען דאס קלאר באווייזען.

נישט אלע, וואס די מעדיומס גיבען־איבער אין נאמען פון גייסטער, מעג נאך אנגענומען ווערען. מעגליך, אז ניט ווייניג ווערט צוגעמישט דעם מעדיום'ס פאנטאזיע, אומבאוואוסט פאר איהם, אדער איהר, אליין. כער אליווער לאדזש אליין, נאך פרעדריק מייערס'ן דער קאפ פון דער ספיריטואליסטישער וויסענשאפט און לאנג־יאהריגער פארזיצער פון דער ענגלישער געזעלשאפט פאר פסיכישער פארשונג, באמערקט וועגען איינ־ינע איינצעלהייטען אין די מיטטיילונגען, וואס ער האט דורך א מעדיום, פרוי לעאנארד, באקומען פון זיין פארשטארבענעם זוהן, ריימאנד, אז זיי זייגען אבסורדען. אבער, אייגענטליך, ווער קען וויסען? לאדזש'ן קלינגען אבסורד יענע דעטאלען אין די ידיעות פון דער גייסטער־וועלט,

ווייל זיי זעהען־אוים שוין צו רעאל, צו ערדיש... נאר ווער קען באהויפ־טען, אז עס איז נישט אזוי, איבערהויפט אין די נידעריגערע גייסטער־ספערען? אין די מיטטיילונגען וועגען דעם לעבען אין די גייסטער־ספערען ביי אנדערע אויטאריטעטען ווי דזשעקסאן־דייוויס, דזשארטור היל, וויליאם סטעד און פיעל אנדערע, געפינט מען אויך עהנליכע דעטאלען, פון דעם סארט, וועלכע אליווער לאדזש באטראכט פאר אב־סורדען. די הויפט־זאך איז יעדענפאלס אויב די אלע ערשיינונגען, וואס זעהען אוים אומפארשטענדליך, ווערען פאראורזאכט פון גייסטער, אויב מיר האבען דא צוטון מיט אן אינטעליגענטער, באוואוסטזיניגער קראפט און אויב ס'איז מעגליך צו קאמוניקירען מיט די פארשטארבענע — און דאס איז באוויזען מיט אייזערנע פאקטען. אין דעם זענען אלע ספיריטואליסטישע געלערנטע פאלקאם איבערצייגט און איינשטימיג.

ס'איז מעהר ווי נאטירליך, אז אין אזא אויסערגעוועהנליכער פאר־בינדונג, אין אזא טונקעלער קאמוניקאציע צווישען דער מאטעריעלער וועלט און דער אומזיכטבארער וועלט זאלען פארקומען פארפלאנטערונגען און פארדרעהענישען. אין דער צוקונפט וועלען מסתמא געפינען ווערען מיטלען פאר א בעסערער און קלארערער קאמוניקאציע; אויף דעם שטרענגען זיך אז די וויסענשאפטליכע פארשער פון ספיריטואליזם.

II

די גרויסע מיסטעריע.

די מאטעריאליסטישע וויסענשאפט האט איינגעשפאנט אונזער וועלט און דעם גאנצען אוניווערזום איז געזעצען, וואס „ליגען זיך אויפ׳ן שכל״. אבער וואס וויטער טרעפט זי זיך אן מיט ערשיינונגען און קרעפ־טען אין דער נאטור, וועלכע שטימען אבסאלוט נישט מיט דידאזיגע געזעצען און לאזען זיך אין זיי נישט איינשפאנען. מ׳גיט זיך נאך ווי עס איז אן עצה מיט עלעקטריציטעט, מיט ראדיום... אבער שווערער איז שוין, כמעט אוממעגליך, צו דערקלערען אויף א ריין מאטעריאליס־טישען אופן דעם היפנאטיזם, מיט וועלכען איין מענש קען אויסאיבען זיין ווילען און איינפלוס אויפ׳ן צווייטען. נאך א שווערער פראבלעם איז פאר די מאטעריאליסטען — טעלעפאטיע. מיט וועלכע פיזישע געזעץ קען דער מאטעריאליזם „בארעכטיגען״ די קראפט אדער אייגענ־שאפט, וואס איז באקאנט אלס טעלעקענעזיס? איהר זעהט א פערזאן, וואס איז באגאבט מיט דערדאזיגער פסיכישער קראפט, ווי ער הויבט למשל, אויף א שווערען טיש — בלויז מיט׳ן געדאנק, מיט׳ן ווילען, אהן וועלכער ס׳איז פיזישער באריהרונג; ס׳איז דאך נישט מעגליך צוצושריי־בען צו די געזעצען פון דער פיזיק אן ערשיינונג, וואס ווערט פאראורזאכט אהן פיזישער אנווענדונג! און וואס איז מיט אזעלכע פסיכישע כחות ווי טעלעסטעזיע *) אדער קלערוואיאנס (העלזעהונג) **) און וועלכע קענען אויך נישט געפינען קיין דערקלערונג אין די פיזישע געזעצען?

---

*) עמפינדונג פון ווייטענס, ווען א היפנאטיזירטע פערזאן פיהלט וועהטאג בעת מ׳שטעכט וועלכע־ס׳איז זאך, וואס ער האט פריהער באַ־ריהרט.

**) דאס זעהן מענשען אדער זאכען, אהן די פיזישע אויגען, אפט אויף טויזענטער מיילען ווייט.

איך רעד דא בלויז פון דעמאנסטרירטע און פיל מאל עקספערימענטירטע פסיכישע כחות און נישט פון היפאטעזעס און טעאריעס: אין זייער עקזיסטענץ האבען זיך איבערצייגט באקעמפער פון ספּירּיטואליזם פונקט ווי ספּירּיטואליסטען. טייל מאטעריאליסטען ווילען זיי דערקלערען מיט'ן שכל, אנדערע הייסען אפּוואַרטען און אייניגע האבען זיי שוין אנגענומען, פונקט ווי זיי זענען געצוואונגען געווען אנצונעהמען דעם היפנאטיזם און ווילען דיראזיגע סופּרא־פּיזישע קרעפטען אויסנוצען אלס וואפען קעגען ספּירּיטואליזם, זובענדיג צו דערקלערען די גייסטער־ערשיינונגען מיט איינע פון די אויסגערעכענטע כחות, נאך איידער זיי ווייסען וואס די כחות אליין זענען...

אבער די אלע פסיכישע קרעפטען און ערשיינונגען זענען פונקט אין געגענזאץ צו דער מאטעריאליסטישער וועלט־אנשויאונג און באווייזען, אז דער מענש געהערט צו צוויי וועלטען: א מאטעריעלע און א גייסטיגע; די מאטעריאליסטען גלויבען נישט אין וואונדער. אבער דאס גאנצע לעבען אונזערס איז דאך איין גרויס וואונדער. וואונדער איז אלץ, וואס רינגעלט אונז ארום; וואונדער איז איבער אונז און אונטער אונז — טא ווער קען פארנימפטיג זאגען: ביז אהער וואונדער און ווייטער נישט! ווער איז אימשטאנד אנצעווייזען די גרענעץ, וואו דאס וואונדער ענדינט זיך? ווער קען ערנסט באהויפּטען, אז ער ווייס וואס ס'איז יא מעגליך און וואס ס'איז נישט מעגליך?

וואס טיפער מיר דרינגען אריין אין די רעטענישען פון לעבען, וואס מעהר מיר פארטיפען זיך אין די סודות פון דער שעפונג, אלץ וואונדער־בארער און אומפארשטענדליכער ערשיינט פאר אונז די וועלט און די עקזיסטענץ, אלץ געהיימניספולער ווערען מיר פאר זיך אליין. וואס איז דאס לעבען פונ'ם מענש? וואס איז דאס לעבען פון אן איינפאך בלי־מעל? מ'האט פראבירט פראדוצירען א בלום אויף א כעמישען אופן, געמאכט עם גענוי, צוזאמענגעשטעלט די שטאפען, וועלכע א בלום אנטהאלט, אבער ארויס איז א טויטע זאך, א בלום אין אויסזעהן נאר אהן דופט, אהן וועלכען ס'איז צייכען פון לעבען. דאס לעבען איז א

וויטאלע ערשיינונג, און זיין שורש איז אין א העכערער, אונמאטעריעלער קראפט. אויב אזוי, פארוואס זאל לעבען נישט מעגליך זיין אומאפהענגיג פון מאטעריע? פארוואס זאל דאס לעבען נישט קענען אנהאלטען נאכדעם ווי דער קערפער איז טויט?

אז דאס איז יא מעגליך, באווייזען די פאקטען, וואס די פסיכישע פארשונגען האבען ארויסגעבראכט. היפנאטיזם, טעלעפאטיע, טעלעקענעזיס און די אנדערע פסיכישע כחות זענען א באשטעטיגונג דערפון; די ערשיינונג פון דער צוטיילבארער פערזענליכקייט, ווען איין מענש ווערט אין איין צייט געזעהן אין צוויי באזונדערע פלעצער, אין דופליקאט, אדער די פאקטען וועגען דער טאפעלטער פערזענליכקייט, וועלכע דר. פיער זשאנע און דר. מארטאן פרינס ברענגען־ארויס: למשל, דער פאל מיט א געוויסער פריילין ביטשאם, וועגען וועלכער דר. פרינס דערצעהלט אין זיין בוך „די דיססאסיאיישאן אוו ע פערסאנאליטי״, אז אין איהר לעבען דריי באזונדערע פערזענליכקייטען (דבוקים), וואס דערוואכען אונטער היפנאז, און די צעהנדליגער פאקטען וועגען דבוקים, וואס זענען באקאנט צום ברייטען פובליקום, — שטרייכען נאך שטארקער אונטער די וויטאליטעט פון לעבען, די אומאפהענגיגקייט פון גייסט.

„כעמישע און פיזישע געזעצען, — באמערקט ארטור היל אין זיין גלענצענדער אפהאנדלונג איבער „פארשונג און רעליגיע״ („סייקיקאל אינוועסטיגיישאנס״ ז. 279), — דערקלערען נישט דעם מענש; ער איז אונטערגעווארפען א העכערער מאכט; דער מענש דערקלערט נישט גאט: ער קען בלויז פאנטאזירען וועגען איהם״: „דער קלענערער קען נישט תופס זיין דעם גרעסערען״. איטליכער מענש, וואס אינטערעסירט זיך מיט די העכערע פראגען פון דער עקזיסטענץ, אזעלכער, וואס האט זיך נאך נישט אליין געבונדען מיט וועלכער־ס׳איז דאגמע, וועט מוזען מודה זיין, אז היל איז גערעכט. מאטעריע איז א טייל פון מענש, דער אומוויכטיגערער טייל, די הויפט־זאך איז דער גייסט, די נשמה, וועלכע איז געוועז פאר דער מאטעריע און בלייבט ווען די מאטעריע פאלט־פאנאנדער.

וועלען דערקלערען דעם מענש בלויז דורך די געזעצען פון דער מאטעריע, מיט די געזעצען פון דער כעמיע און פיזיק, איז אומזין.

איך וואלט געקענט ברענגען צענדליגער פאקטען פון היפנאטיזם, פון טעלעפאטיע, פון די אנדערע פסיכישע קרעפטען, פון פארשידענע „מאדנע" ערשיינונגען און פיל מיסטעריען, וועלכע זענען נאך אומפארשטענדליך, אבער דאס איז א באזונדערע טעמע און איך וויל דא אויסשליסליך רעדען וועגען ספיריטואליזם. וועגען לעבען נאכ'ן טויט און וועגען גייסטער־קאמוניקאציע איבערהויפט. די אלע געהיימע ערשיינונגען, וואס האבען געפיהרט צום ספיריטואליזם, זענען אן עניז, — א ריזיגער, קאמפליצירטער עניז, פאר זיך. איך האב נאר פארביי־געהענדיג געוואלט אנווייזען אויף דער מיסטעריע פון לעבען, אויף דעם סוד פון דער מענשליכער פערזענליכקייט און דער אומאפהענגיגקייט פון גייסט, אלס צופיהר צום עיקר פון דעמדאזיגען בוך און, אגב, אויך אלס ארגו־מענט געגען דער מאטעריאליסטישער וועלט־אנשויאונג.

אפילו די גרעסטע סקעפטיקער און באשטרייטער פון ספיריטואליזם גיבען איצט צו, אז דער געדאנק קען אננעהמען אביעקטיווע פארמען און ערפילען פאר אונז שליחות'ן אויף ווייטע שטרעקעס — איז דאס נישט א שטארקער באווייז פאר דער עקזיסטענץ פון אן א נישט־מאטעריעלער וועלט, פאר דער פארטזעצונג פון לעבען נאכדעם ווי דער ערדישער קער־פער שטארבט? די ערפארונגען, וואס די ספיריטואליסטען האבען ארויס־געטראגען פון הונדערטער סעאנסען מיט מעדיומס, זענען, ווי שוין איז אנהויב געזאגט, די זיכערסטע באשטעטיגונג פאר דער עקזיסטענץ נאכ'ן טויט. נאך א רייהע יאהרען פארשונגען און אונטערזוכונגען אויף דעם געביט, רופט אויס סער אליווער לאדזש: „איך בין אזוי איבערצייגט אין דער פארטזעצונג פון דער עקזיסטענץ אויף דער אנדערער זייט פון טויט, ווי איך בין אין דער עקזיסטענץ דא" („ריימאנד, אר דעטה ענד לייף"). צו אזא שלוס קומט אויך דער פריהער דערמאנטער געלערנטער ארטור היל: „די פארטזעצונג פון דער עקזיסטענץ נאכ'ן טויט, — זאגט ער אין זיין בוך „פייקיקאל אינוועסטיגיישאנס" („פסיכישע אונטערזו־

כונגען’’), — איז באווייזען אויף וויפיל באווייז איז מעגליך’’. צו דער זעלבער איבערצייגונג זענען געקומען פרעדריק מייערס, דער פאר־שטארבענער גרויסער ענגלישער פאעט, פילאזאף און וויסענשאפטליכער פארשער; וויליאם סטעד, דער באקאנטער שריפטשטעלער, וועלכער איז דערטרונקען געווארען מיט דער „טיטאניק’’; פראפ. וויליאם דזשיימס, וועמעס נאמען רופט ארויס רעספעקט אין דער גאנצער וויסענשאפטלי־כער וועלט; סער קאנאן דאיל און פיל אנדערע. אזעלכע נעמען ווי פראפ. לאמבראזא, הענרי בערגסאן, מאריס מעטערלינג, פלאמאריאן און נאך פיל גרויסע פערזענליכקייטען, וואס זענען געשטאנען אדער שטעהען נאהענט צום ספיריטואליזם, האבען זיכער אויך עפעס צו זאגען...

נאטירליך פאר’ן ערנסט רעליגיעז־גלויביגען מענש איז נישט נויטיג ערשט צו באווייזען די עקזיסטענץ נאכ’ן טויט; ער פאדערט נישט קיין באווייז — ער גלויבט! ער באצאהלט דעם פרייז פאר „יענער וועלט’’, אפהיטענדיג געהארכזאם אלע פארגעשריבענע דאגמען און גע־באטען. ווי ס’זאל נישט זיין און ווי מיר זאלען נישט קוקען אויף אזא מאמין, מוזען מיר מודה זיין, אז ער ווייסט מעהר ווי דער מאטערי־אליסט. וואס פארשט און זוכט און וועגט און מעסט. דער גלויביגער איז זיכער אין א לעבען נאכ’ן טויט ווי א סער אליווער לאדזש, וועל־כער איז געקומען צו דעם גלויבען דורך וויסענשאפטליכע עקספערי־מענטען. „איך פיהל דאס איביגע לעבען’’ — האט געזאגט דער גרויסער אמעריקאנישער דיכטער וואלט וויטמאן; און א סך מענשען פיהלען עס — אינסטינקטיוו, אפילו ווען זיי זענען נישט רעליגיעז און האבען נישט פאר זיך קיין וויסענשאפטליכע באשטעטיגונג, — ווי האט וויק־טאר הוגא געזאגט: „דער קלענסטער אינסטינקט איז גרעסער פון גרעסטען פארשטאנד’’.

אבער, געוועהנליך האבען די מעהרסטע מענשען נישט קיין סך צוטרוי צום אינסטינקט, צו די „בלינדע געפיהלען’’. פאר אזעלכע, איב זיי זענען אומגלויביגע, — און אזוינע ווי געזאגט, — זענען אין די לעצטע יאהרען פאראן גענוג און גענוג, אפשר מעהר ווי גלויביגע, —

ברענגט דער ספּיריטואַליזם אַ קוואַל פון וויסען, אַן אוצר פון געדאַנקען און אַ שטראָם פון ליכט. דער ספּיריטואַליזם וועט אויך, נאַטירליך, אויפהאַלטען און פאַרשטאַרקען די רעליגיעס, וועמעס אויטאָריטעט איז אַזוי שטאַרק געפאַלען, כאָטש דער ספּיריטואַליזם איז אין פיל איינצעלהייטען אין ווידערשפּרוך צו דער אָדער יענער רעליגיע. אָבער טרעפט זיך צונויף מיט די מעהרסטע פון זיי אין דער איבערצייגונג פון אַ לעבען נאָכ'ן טויט און עקזיסטענץ פון העכערע וועזענס — ביי דער רעליגיע דורך גלויבען און ביים ספּיריטואַליזם דורך פאָרשונג. אויסערדעם איז נישט אויסגעשלאָסען די מעגליכקייט, אַז דער ספּיריטואַליזם זאָל אין דער צוקונפט נישט ברענגען צו דער אַנטשטעהונג פון אַ נייער רעליגיע, אַן אַלוועלטליכע און אַלמענשליכע רעליגיע, אָדער זיך אַליין אין אַזאַ רעליגיע פאַרוואַנדלען. די עקזיסטירענדע רעליגיעס, ווי זיי זענען איצט, מיט זייער שווערען דאָגמאַטיזם, מיט זייערע געגענזעצליכע טענדענצען, וועלען אפשר מוזען אָפּטרעטען דעם פּלאַץ פאַר אַן אַלמענשליכער רעליגיע, וועלכע וועט פאַראייניגען אַלע ראַסען און פעלקער אונטער איין גרויסען אמת.

די רעליגיעזע זייט פון ספּיריטואַליזם און זיינע פּערספּעקטיווען אַלס וועלטליכע רעליגיע, זענען אַ טעמא פאַר אַ באַזונדערער אָפּהאַנדלונג. דאָ וויל איך נאָר רעדען וועגען דער וויסענשאַפטליכקייט פון דער ספּיריטואַליסטישער לעהרע, און איידער איך געה־איבער צו די פאַרשידענע סעאַנסען מיט מעדיומס, זיך אָפּשטעלען אויף דער טענה פון מאַנכע, אַז מ'קען נישט ריידען וועגען ספּיריטואַליזם ווי וועגען אַ וויסענשאַפט, ווייל די וויסענשאַפט גיט זיך אָפּ מיט מאַטעריע, מיט שטאָף, מיט דער אָרגאַנישער וועלט, און דער ספּיריטואַליזם האָט צו טון מיט נישט־אָרגאַנישע קרעפטען, וועלכע קענען נישט וויסענשאַפטליך אַנאַליזירט ווערען און מיט אומזיכטבאַרע וועזענס, איבער וועלכע ס'איז אוממעגליך צו רעאַגירען. די טענה איז נישט קיין אויסגעהאַלטענע שוין צוליעב דעם אַליין, וואָס זי טייטשט־אויס פאַלש דעם ספּיריטואַליזם, ווייל אויב אפילו די וועזענס זענען אומזעהבאַר, זענען אָבער זעהבאַר

זייערע ווירקונגען און די ערשיינונגען, וואָס זיי פאַראורזאַכען. דערצו זענען די „אומזעהבאַרע וועזענס" אין פיל פאַלען י אַ זעהבאַר. אַליוּוער לאָדזש, וועלכער איז אַליין אַ פיזיקער, אַ זייל פון דער מאָדערנער וויסענשאַפט, גיט דידאָזיגע אַ קורצען וויסענשאַפטליכען ענטפער; ער זאָגט:

„אַ פיזיקער איז קיינמאָל נישט באַשרענקט צו דירעקטע שכל'דיגע אימפּרעסיעס. ער דאַרף צו טהון האָבען מיט אַ סך באַגריפען און זאַכען, פאַר וועלכע ער האָט נישט קיין פיזישען אָרגאַן; די דינאַמישע טעאָריע פון היץ, צומביישפיל, און פון גאַזען, די טעאָריעס פון עלעקטריציטעט, פון מאַגנעטיזם, פון כעמישער פאַרוואַנדשאַפט, פון קאָהעזיע (דער פּראָצעס פון צוזאַמענהאַלטונג) און זיין אויפפאַסונג פון עטער אַליין, פיהרען איהם אריין אין געביטען, וואו זעהן, הערען און אָנטאַפּען זענען אימפּאָטענט אַלס דירעקטע עדות און וואו זיי זענען מעהר נישט קיין זיכערע פיהרער. אין אַזעלכע געביטען מוז אַלדינג פאַרטייטשט ווערען אין אומעמפּפינדליכע, נישט־סובסטאַנציעלע טערמינען און אין אַ געוויסען זין מוז אָנגעווענדעט ווערען די פאַנטאַזיע".

„די נישט־מאַטעריעלע וועזענס פון אַ פיזיקער'ס קאָנצעפּציע, — זאָגט ווייטער לאָדזש, — ווערען שטופענווייז אַזוי רעאַל און ממשות'דיג ווי סיי־וועלכע זאַך, וואָס ער ווייסט. לאָרד קעלווין פלעגט זאָגען, ווען ער איז געווען פּאַראַדאָקסיש געשטימט, אַז מיר ווייסען מעהר וועגען עלעקטריציטעט ווי וועגען שטאָף".

„די וויסענשאַפט, זאָגט דערזעלבער געלערנטער אין אַן אַנדער פּלאַץ, טאָר נישט זיין דאָגמאַטיש". די וויסענשאַפט דאַרף שטענדיג זיין גרייט אויפצונעהמען נייע אמת'ן און ווען נויטיג, פאַרוואַרפען אַלטע. ליידער איז די וויסענשאַפט אין אַ געוויסען זין יאָ דאָגמאַטיש און ליידט פון פאָראורטיילען. דער מאַטעריאַליזם איז קאָנסערוואַטיוו און באַגרענעצט אין זיינע אויפפאַסונגען און דערפאַר זיין מיסטרויאישע באַציהונג צום ספּיריטואַליזם. אָבער, ווי כ'האָב שוין פריהער דערמאָנט, געהען וואָס ווייטער אַלץ מעהר וויסענשאַפטסלייט איבער צום ספּירי־

טואַליזם און מיר מעגען דערוואַרטען, אַז די צייט ווען דער ספּיריטואַליזם וועט ווערען אַן אַלגעמיין אַנערקענטע, „לעגאַלע" וויסענשאַפט, איז שוין נישט ווייט. נאָר ביז דאָס וועט געשעהן וועלען נאָך אַ סך „אמת'ן" און „געזעצען" פון דער מאַטעריאַליסטישער וויסענשאַפט פאַנאַנדערפאַלען און עס וועט ווערען אַ פאַראייניגונג פון וויסענשאַפט און טעאָזאָפיע, פון לאַבאָראַטאָריע־פאָרשונג און רעליגיע.

דער ספּיריטואַליזם עפענט נייע האָריזאָנטען פאַר וויסענשאַפט און רעליגיע, פאַר די באַציהונגען צווישען מענש און מענש און מענש און גאָט, צווישען ראַסע און ראַסע, פאָלק און פאָלק. ער ברענגט אַ נייע ליכט פאַר דעם איינצעלנעם און פאַר דעם כלל, אַ נייע וועלט־אַנשויאונג. אַ נייע פאַרשטענדניש פון דער וועלט און פון לעבען, אַ זין פאַר דער עקזיסטענץ. דער מענש, האָבענדיג דעם באַוואוסטזיין, אַז זיין לעבען איז נישט ווינט און רויך, אָהן האָפנונג, נאָר אייביג, פיהלט זיך חשוב'ער, וויכטיגער, מעכטיגער און גליקליכער. געשטיצט אויף די ערפאַהרונגען פון ספּיריטואַליזם הויבט זיך אָן צו שאַפען אַ לעהרע וועגען דער גייסטיגער אַנטוויקלונג פון דעם מענשליכען באַשעפעניש, אַן עוואָלוציאָנס־לעהרע, אַ „גייסטיגער דאַרוויניזם", — וואָלט איך עס אָנרופען, — וועגען דער ספּיריטואַלער אַנטשטעהונג און אַנטוויקלונג פון דעם מענש. דעם אַנהויב דערצו האָט געמאַכט פרעדריק מייערס אין זיין גרויס ווערק „יומען פערסאָנאַליטי ענד איט'ס סורוייוואַל אָוו דעטה", אין וועלכען ער אַנטוויקעלט אַזוי גלענצענד, אַזוי מייסטערהאַפט זיין לעהרע, וועלכע איז באַקאַנט געוואָרען אַלס די „סובּלימינאַלע פּסיכאָלאָגיע".

ווי דאַרווין אין דער אָרגאַנישער וועלט, זעהט פרעדריק מייערס אין דער נישט־אָרגאַנישער, אין דער סופּראַ־פיזישער וועלט, אַ שטופּענווייזע אַנטוויקלונג פון נידעריגער צו העכער. דאָס גאַנצע מענשליכע באַוואוסטזיין מיט אַלע זיינע פאַרצווייגונגען האָט זיך, לויט מייערס'ן, אַנטוויקעלט שטופע נאָך שטופע, אין פאַרלויף פון דער אָרגאַנישער עוואָלוציע אויף דער ערד, אין קאַמף פאַר'ן מענשענ'ס עקזיסטענץ.

אָבער אונזער באַוואוסטזיין בעת דער עקזיסטענץ אויף דער ערד, וועלכעס מייערס רופט סופּראַ־לימינאַל, — דאָס בעוואוסטזיין פון דער

זייט שוועל, — איז נאר א קליינער טראפען פון דעם גרויסען באוואוסט־זיין, וואס איז אויף י ע נ ע ר זייט שוועל — דער סובלימינאל, פון וואנען דער מענש ציהט זיין גאנצע גייסטיגע יניקה בעת זיין ערדיש לעבען. אלע גייסטיגע כחות, וואס מיר באזיצען, אלע אידעען, עמפינ־דונגען קומען פון סובלימינאל: טאלאנט, געניע, ליבע, „איבערנאטירליכע" אייגענשאפטען, ווי היפנאטיזם, טעלעפאטיע אד"ג. קומען אויך פון יענעם גרויסען גייסטיגען קוואל, וועלכע דערגרייכען אונז דורך וועלען, וואס ציהט זיך פון סובלימינאל צום סופרא־לימינאל. צום איינעם דערגרייכט מעהר איינפלוס פון „יענער זייט שוועל" און צום אנדערען ווייניגער: צו מאנכע טראגט זיך פון דארט אריבער א גרויסע כוואליע, אבער נישט צו אלעמען קומט עס אן כשורה: ברענגט עס איינעם צו גאונות און א צווייטען צו משוגעת — געניאליטעט און משוגעת גרענעצען זיך. אויך מאמענטאלע אויסברוכען ווי שרעק, היסטעריע אד"ג. קומען פון אונזער גרעסערער באוואוסטזיניגקייט אויף „יענער זייט שוועל".

נאטירליך איז מיר דא אוממעגליך איבערצוגעבען באריכות די גאנצע גרויסארטיג, פילאזאפיש־וויסענשאפטליכע אידעע, וועלכע פ. מייערס וויקעלט־פאנאנדער און זיין גרויס ווערק; ס'מיינט נישט, אז מ'דארף זיין לעהרע אננעהמען פאר א תורה. מעגליך, אז די ווייטערדיגע אנט־וויקלונג פון דער ספיריטואליסטישער וויסענשאפט וועט ארויסברענגען אן אנדער אידעע וועגען דער ספיריטואלער אנטשטעהונג פון דעם מענש־ליכען מין. אבער דערווייל איז מייערס' לעהרע א געוואגטער פארזוך און א וואונדערבארע דערקלערונג פאר דער גרויסען מיסטעריע פון מענשליכען גייסט.

III

טעלעפאטיע און גייסטער-קאמוניקאציע

איך וויל איצטער איבערגעהן צו די ספּיריטואליסטישע עקספּערי־מענטען און ערפארונגען און איך קום קודם צו דער פראגע: פון וואנען מיר קענען זיכער זיין, אז דאס, וואס דער מעדיום גיט אונז איבער אין נאמען פון גייסטער, איז טאקע פון גייסטער דיקטירט און ניט קיין טע־לעפאטישע ידיעות, וואס דער מעדיום לעזט פון אונזער באוואוסטזיינ׳ס ארכיוועז: די פראגע ריהרט־אן די אלגעמיינע מיסטרויאישע באציהונג פון די סקעפּטיקער צו דער גייסטער־קאמוניקאציע, און איך וויל דערפאר צו דעם צוטרעטען מיט וויליאם סטעד׳ס א משל, וועלכער איז, לויט מיין מיינונג, זעהר געלונגען.

ווען קריסטאפער קאלומבוס, — זאגט סטעד, — וואלט נאכ׳ן אנטדעקען אמעריקע דערזעהן, אז צוריקפאהרען קיין אייראפּע איז אומ־מעגליך, און ער וואלט דארט געבליבען, וואלט אין א צייט ארום אין אייראפּע באשלאסען געווארען, אז ער איז פארפאלען געווארען אין א ים, וואס האט נישט קיין ווייטערן וועג. ווען אנדערע רייזענדער וואלטען זיך דערנאך אוועקגעלאזט אין דערזעלבער ריכטונג און זיך אויך נישט צוריקגעקעהרט, וואלט דערדאזיגער באשלוס פארוואנדעלט געווארען אין אן אבסאלוטער זיכערקייט. איצט וואלט קאלומבוס און די שפּעטערע רייזענדער געמעגט דארט לעבען און גרינדען א נייע נאציע אויפ׳ן אמעריקאנער קאנטינענט, ס׳וואלט זיי אוממעגליך געווען איבערצייגען די אייראפּעער אין דער פארטזעצונג פון זייער עקזיסטענץ. אייראפּע וואלט באטיטעלט אמעריקע אלס „דאס נישט־אנטדעקטע לאנד פון וועמעס גרענעץ קיין רייזענדער קעהרט זיך נישט אום״, און די קרובים און פריינד פון די רייזענדער וואלטען באוויינט די בראווע, וואס זיינען אוועק אבער נישט צוריקגעקומען.

איצט לאמיר זיך איבערטראגען פון קאלומבוס׳עס צייט צו אונזער

צייט. מיר מוזען אָננעהמען. אַז די פיזישע אוממעגליכקייט אריבערצור־פאָהרען דעם ים פון אַמעריקע קיין איירָאפּע, וואָס האָט דאַמאָלט עקזיס־טירט, עקזיסטירט נאָך אויך אצונד. אין פאַרלויף פון דורות האָבען די מענשען, וואָס זענען אריבער אַהין, זיך פיעל פאַרמעהרט, אויפגעבויט אַ גרויסע נאַציע מיט אַן אייגענאַרטיגער ציוויליזאַציע; פּונקט ווי מיר, איירָאפּעער, האָבען זיי דאָרט אַנמדעקט טעלעגראַפיע, איינגעפיהרט טעלעפאָן און אין אַ צייט אַרום דראָטלאָזען טעלעגראַף, דערנאָך אויך אַ דראָטלאָז טעלעפאָן־סיסטעם.

פון צייט־צו־צייט וואָלטען נאָך מ׳טיגע רייזענדער אונטערגענומען רייזעס צו יענעם געהיימניספולען לאַנד און אָנקומענדיג אַהין וואָלטען זיי, צו זייער איבעראַשונג, אַנטדעקט אַ גרויסע רעפּובליק. אויסגעפי־נענדיג, אַז זיך צוריקקעהרען קיין איירָאפּע איז פאַר זיי אוממעגליך, וועלען זיי זוכען זיך צו שטעלען אין פאַרבינדונג מיט איירָאפּע דורך דער הילף פון דראָטלאָזען טעלעגראַף. זייערע ערשטע פאַרזוכען וועלען, לאָמיר זאָגען, דורכפאַלען. אָבער ענדליך וועט אַ ידיעה פון אַמעריקע איבערגעכאַפּט ווערען פון אַ מאַרקאָני־סטאַנציע אויף אַן איירָאפּעאישען ים־ברעג.

ווי וועט אַזאַ ידיעה אויפגענומען ווערען? טייל וועלען זיך אויס־לאַכען און אַנדערע וועלען דערקלערען, אַז מסתמא איז די ידיעה אַרויס־געשיקט געוואָרען פון ערגעץ אַ געגענד אין איירָאפּע גופא. אַזוי וועט אַריבער אַ צייט און פּראָבען צו קאָמוניקירען וועלען זיך נישט איינגעבען. ענדליך וועט איינעם אַ שיפסקאַפּיטאַן פון די לעצט־אַריבערגעקומענע פון איירָאפּע, געלינגען אַריבערצושיקען אַ ידיעה, אַדרעסירט צו זיין שיפס־קאָמפּאַניע, מיט אַזאַ אינהאַלט:

> פון קאַפּיטאַן סמיט פון דער דאַמף־שיף „רעסאָלוט”.
> צו לאָידס, לאָנדאָן. לעבעדיג און געזונט. אַנטדעקט אַ
> נייע וועלט, באַפעלקערט מיט די דורות, וואָס שטאַמען
> פון קאָלומבוס׳ן און זיינע מענשען.”

די ידיעה וועט אַרויסרופען אַ סענסאַציע. אַנשטרענגונגען צו דער־גרייכען דאָס אומבאַקאַנטע לאַנד וועלען זיך באַנייען. אָבער די מאַיאָ־

ריטעט פון די פראקטישע, שכל'דיגע מענשען פון דער וועלט וועט באַטראַכטען די טעלעגראַפישע נייעס פון „יענער זייט" פאַר אַ שפּאַס, ווייל וויסענשאַפטליכקייט וועלען באַווייזען, צו זייער אייגענער צופרידענקייט, די אבסאָלוטע אוממעגליכקייט, אז וועלכע ס'איז נייע וועלט זאָל ערגעץ עקזיסטירען.

אָבער אין אַ צייט אַרום וועלען מעהר ידיעות אָנקומען פון דער אומבאַקאַנטער וועלט. ס'וועט דורכגעפיהרט ווערען אַ געוויסע מעטאָדע פון קאָמוניקאַציע. מ'וועט שיקען אָנפראַגען, און ענטפערס וועלען צוריקקומען. ענדליך וועט די וויסענשאַפט מוזען אנערקענען דעם פאַקט, אַז איבער'ן אַטלאַנטיק עקזיסטירט אַ וועלט און מיט דער הילף פון פונקען טעלעגראַף איז מעגליך מיט איהר צו קאָמוניקירען.

אַזאַ אַלגעמיינע אנערקענונג, איז סטעד און אַלע ספּיריטואַליסטען זיכער, וועט מיט דער צייט קריגען דער ספּיריטואַליזם.

דערווייל פאַדערען די סקעפּטיקער און די „אַלוויסענדע" מאַטעריאַליסטען מעהר און מעהר זיכערע באַווייזען; איבערהויפּט פאַרלאַנגען דאָס די טעלעפּאַטיסטען, וועמעס וויכטיגסטער טעאָרעטיקער איז סער ריי לאַנקעסטער, וועלכע ווילען דוקא, ווי געזאָגט, די גייסטער־קאָמוניקאַציע דערקלערען מיט טעלעפּאַטיע, מיט דער קראַפט, וואָס איז, ווי די אַנדערע פּסיכישע קרעפטען, וועלכע איך האָב דערמאָנט, אַ באַווייז פאַר דער אומאָפּהענגיגקייט פון גייסט, פאַר דער מעכטיגקייט פון אונזער באַוואוסטזיין און דער מיסטעריע פון לעבען.

אָבער אין ליכט פון מעהרערע ספּיריטואַליסטישע ערפאַרונגען און עקספּערימענטען פאַלט־פאַנאַנדער די גאַנצע טעלעפּאַטישע טעאָריע בנוגע דעם ספּיריטואַליזם.

לאָמיר זעהן: דער מעדיום זאָגט אייך, אַז ער זעהט אייערן אַ פאַרשטאָרבענעם קרוב, גיט אייך דערביי אַ באַשרייבונג וועגען זיין אויסזעהן און אַלס סימן דערמאָנט ער אייך — אין גייסט'ס נאָמען — אַ פּאַרפאַל, סצענע אָדער שמועס, וועגען וועלכע ס'קענען וויסען בלויז איהר און אייער פערשטאָרבענער קרוב. פאַר'ן טעלעפּאַטיסט איז דאָס

נישט געגוג; דער מעדיום, זאגט ער, האט עס „איבערגעכאפט'' (אט ווי א דראטלאזער טעלעגראף־אפאראט כאפט־איבער א פונקען־טעלעגראמע) פון אייער באוואוסטזיין, אדער „אונטערבאוואוסטזיין'': דאס בילד פון אייער קרוב און דער שמועס, וואס איהר האט אמאל געהאט מיט איהם, זענען געלעגען אין אייער מח'ס ארכיוועז און פון דארט האט עס דער מעדיום איבערגענומען.

דא קען מען דעם טעלעפאטיסט גלייך שטעלען אזא פראגע: פאר־וואס האט זיך פאר'ן מעדיום אנטפלעקט גראד די געשטאלט פון א גע־שטארבענעם קרוב, פון וועמעס טויט ער האט אפילו קיין אהנונג נישט געהאט, און נישט פון א לעבעדיגען? יעדער מענש זויגט טאג־טעגליך אריין אין זיך איינדרוקען, בילדער און סצענעס; דער מח ארבייט אהן אויפהער, געדאנקען און געפיהלען ווערען געבוירען און פארשווינדען און נייע ווערען געבוירען; מ'קומט אין באריהרונג מיט פארשידענע מענשען, פריינד און פיינד, גוטע און שלעכטע, און אלע איינדרוקען, פנים'ער, שמועסען און איבערלעבונגען פרעסען זיך אפ אין באוואוסטזיין — אין דעם מח'ס ארכיוו. טא פארוואס, אז איהר קומט צו א מעדיום, וועלכער קען אייך אפילו נישט, האט אייך קיינמאל נישט געזעהן, ווייסט נישט אייער פארגאנגענהייט און געגענווארט — זעהט ער און הערט דוקא איינעם, וואס איז שוין געשטארבען און פון וועלכען איהר האט שוין לאנג נית געטראכט?

אויב טעלעפאטיע איז די דערקלערונג פאר'ן מעדיומ'ס ידיעות, וואלט דאך דער מעדיום געדארפט „איבערכאפען'' א לעבעדיגען קרוב, אדער א פרישע סצענע, צי פארפאל, וואס ליגט נאך פון אויבענאויף אין אייער זכרון. איז דער פאקט, וואס דער מעדיום גיט אייך א גרוס דוקא פון א פערשטארבענעם, אפט אזעלכען, וועלכען איהר האט שוין פארגעסען און דערצעהלט אייך וועגען א פאסירונג, אויף וועלכע איהר מוזט שטארק אנשטרענגען דעם זכרון זיך צו דערמאנען, נישט דער בעסטער באווייז, אז דער מעדיום לייענט עס נישט פון אייער געדע־בעניש, נאר אנטפלעקט פאר אייך געשטאלטען און בילדער פון דער

אומזיכטבארע וועלט? דאָס איז די איינציגע ריכטיגע דערקלערונג, און די טעלעפּאַטיסטען האָבען קיין ענטפערס ניט אויף אַזעלכע פראַגען.

אַלע אויסערגעוועהנליכע ערשיינונגען און קרעפטען זענען איינצעלנע, טיילווייזע ווירקונגען פון מענשענ'ס גייסט, פון דעם באוואוסטזיין, וואָס איז אומאָפּהענגיג פון פליישיגען קערפּער און וועלכער בלייבט לעבען נאכדעם ווי דאָס שטיק ערדישע מאטעריע, אין וועלכער די נשמה איז איינגעפּאַסט אין דער ערשטער עקזיסטענץ, שטאַרבט און פאַלט פאַנאַנדער. אָנגעהמען פאַר פאַקטען די ווירקונגען פון גייסט און פאַרוואַרפען דעם עיקר פון איהם — זיין באַזונדערקייט און אָפּטיילבארקייט פון קערפּער פאַרטצוזעצען די עקזיסטענץ אָהן איהם — האָט דעם זעלבען זין ווי אָננעהמען די ווירקונג, וואָס די זון האָט אויף דער ערד, און אָפּלייקענען די זון אַליין, אָדער באַהויפּטען, אַז די זון קען אויסער אונזער ערד, צי אָהן איהר, נישט עקזיסטירען...

ווי וועט דער טעלעפּאַטיסט דערקלערען מיט טעלעפּאַטיע א פאַל, ווען דער מעדיום קריגט אַ גרוס פון אַ פאַרשטאָרבענעם נישט פאַר דעם סוביעקט, וואָס איז געקומען צו איהם נאָך א ידיעה פון זיינעם א קרוב, נאָר גאָר פאַר דעם לעצטענ'ס א באַקאַנטען, וועלכען איז דערביי נישטאָ, פון א פערשטאָרבענער פערזאָן, וועלכען ער האָט קיינמאָל נישט קעקענט? ס'הייסט אין אַנדערע ווערטער, אַז דער פאַרשטאָרבענער, ווי־סענדיג אָדער פיהלענדיג, אַז דער סוביעקט איז באַקאַנט מיט איינעם, מיט וועלכען ער איז געווען באַפריינדעט, בעט ער איהם, דורכ'ן מעדיום, ער זאָל יענעם צו וויסען טון אָדער איהם בעטען אַהערקומען. אַזעלכע פאַלען, וועלכע טרעפען נישט זעלטען, קענען דאָך זיכער נישט דערקלערט ווערען מיט טעלעפּאַטיע.

איינינע מעדיומס ריידען אין „טראַנס" — אין באוואוסטלאָזען אָדער האַלב־באַוואוסטלאָזען צושטאַנד — שפּראַכען, אויף וועלכע זיי קענען קיין בוכשטאַב נישט אָנשרייבען און קיין זילבע נישט אויסריידען אין נאָרמאַלען צושטאַנד. צי דער פאַל מיט אַ זעכצעהן־יעהריג שול־מיידעל וועלכע שרייבט שלאָפענדיג מוזיקאַלישע קאָמפּאָ־

זיציעס, כאטש וואכערהייט קען זי קיין נאט נישט לעזען. שוין אפגע־רעדט פון אנשרייבען.

מיט די דאזיגע פאקטען, וועלכע קענען אויף קיין פאל נישט פאר־טייטשט ווערען מיט טעלעפאטיע, האב איך שוין געקענט פארטיג זיין מיט די טעלעפאטיסטען. אבער כ׳טהו צוליב די סקעפטיקער, וועלכע וועלען זיך זיכער נענוג געפינען צווישען די לעזער, און וועל ברענגען נאך איינינע פאקטען, מיט׳ן אויסשליסליכען מיין צו באווייזען דעם אומזין פון טעלעפאטיע (בנוגע גייסטער־קאמוניקאציע), מיט וועלכער מאטעריאליסטען־אטעאיסטען ווילען ראטעווען זייער פאזיציע.

פון א היבשער צאהל אזעלכע פאקטען קלויב איך אויס עטליכע, דערצעהלט פון וויליאם סטעד, סער אליווער לאדזש און דזשיי. ארטור היל. כ׳הויב־אן מיט סטעד׳ן.

סטעד איז געווען געבענשט מיט אן אויטאמאטיש־שרייבענדער האנט, און אז זיין האנט נארט איהם נישט האט ער — און אלע, וואס האבען איהם געקענט — זיך איבערצייגט פון די ידיעות, וואס זיין האנט האט איבערגענומען און אויפגעשריבען פון זיינע לעבעדיגע פריינד. בריעף פון די גייסטער־ספערען האט ער אנגעהויבען „איבערנעהמען״ פיל שפעטער, גאנץ צופעליג, בלויז אלס פראבע, און ער איז אין דעם געווען ערפאלגרייך. אבער פריהער וועגען זיינער אן ערפאהרונג מיט א לעבע־דיגער פערזאן, אלס אילוסטראציע, וואס וועט קלאהר מאכען די אויטא־מאטישע קראפט פון זיין האנט.

סטעד׳ס א פריינדין, וועלכע איז אויף עטליכע טעג אורעקגעפאהרען קיין היילסמער, א דערפיל, דרייסיג מייל פון לאנדאן, האט איהם צוגע־זאגט, אז מיטוואך וועט זי עסען מיט איהם צוזאמען, אויב זי וועט דאן צוריק זיין אין שטאדט (אין לאנדאן). מאנטאג, שפעט נאכמיטאג, האט סטעד געוואלט וויסען אויב זיין פריינדין האט שוין פארלאזט דאס דערפיל און אנשטעלענדיג זיין פען אויף פאפיר, האט ער אין געדאנק זי געפרעגט אויב זי האט זיך צוריקגעקעהרט קיין לאנדאן. זיין האנט האט אנגעשריבען דאס פאלגענדע:

„איך באדויער זעהר, אייך צו זאגען, אז איך האב געהאט זעהר א פיינליכע ערפארונג, פון וועלכע איך שעהם זיך נאך צו ריידען. איך האב פארלאזט היילסמער זייגער 2.27 נאכמיטאג אין א צווייט־קלאסיגען וואגאן, וואו ס'זיינען אויסער מיר געווען צוויי דאמען און א הער. ווען די באהן האט זיך אפגעשטעלט ביי גאַ־דאלמינג, זענען די דאמען ארויסגעשטיגען און איך בין געבליבען אליין מיט'ן הער. נאכדעם ווי די באהן האט אנגעהויבען געהן, האט ער פארלאזט זיין פלאץ און צוגעגאנגען נאהענט צו מיר. איך בין געווען צושראקען און האב איהם אפגעשטופט; ער האט זיך אפגעזאגט אוועקצוגעהן און מיך פרובירט קושען. איך האב מיך אנגעעצונדען פון צארן, ער האט מיט מיר געקעמפט. איך האב געכאפט זיין שירם און איהם געשלאגען, אבער דער שירם האט זיך צובראכען און איך האב אנגעהויבען מורא קריגען, אז ער וועט מיך באהערשען. ווען די באהן האט אנגעהויבען צו געהן לאנג־זאם פאר דער סטאנציע גילדפארד, האט ער מורא באקומען, האט מיך צורוה געלאזט, און איידער די באהן האט געגרייכט דעם פלאטפארם, איז ער אראפגעשפרונגען און אנטלאפען. איך בין געווען זעהר צומישט, אבער איך האב דעם שירם.“

סטעד האט געשיקט צו איהר זיין סעקרעטאר מיט א בריוועל, אויס־דריקענדיג זיין מיטגעפיהל און דערביי זי געבעטען מיטצובריגנען איהר אנגרייפער'ס שירם. זי האט איהם געענטפערט: „איך בין זעהר גע־קרענקט, וואס איהר ווייסט וועגען דעם. איך האב געהאט אפגעמאכט ביי זיך דאם קיינעם נישט צו דערצעהלען, כ'וועל מיט זיך ברענגען דעם צובראכענעם שירם, אבער ס'איז געווען מ י י ן שירם און נישט זיינער“.

בריף פון געשטארבענע האט ער, ווי געזאגט, אנגעהויבען „איבער־נעמען“ צופעליג, פאר א פראבע. סטעד דערצעהלט וועגען דעם: ער האט געקענט צוויי מיידלאך, פריינדינס, וועלכע זענען געווען צוגעבונדען איינע צו די אנדערע ווי שוועסטער, און זיי האבען זיך פייערליך צו־

געזאָגט: ווער פון זיי ס'וועט פריהער שטאַרבען, זאָל זיך באַווייזען צו דער לעבען־געבליבענער, כדי צו דעמאָנסטרירען פאַר איהר די רעאַליטעט פון דער וועלט אויף דער אַנדערער זייט פון קבר. איינע פון זיי, דזשוליאַ, איז אין אַ קורצער צייט שפּעטער געשטאָרבען אין באָסטאָן. אין עט־ליכע וואָכען אַרום האָט די פאַרשטאָרבענע איבערגעוועקט פון שלאָף איהר פריינדין, וועלכע האָט זיך דאַן געפונען אין שיקאַגאָ, און דזשוליאַ האָט אויסגעזעהן זעהר צופרידען. מיט איניגע מאָנאַטען שפּעטער איז דזשוליאַ'ס פריינדין געקומען קיין ענגלאַנד און זיך באַזעצט אין איסט־נאָרקעסל, מערב ענגלאַנד, וואו סטעד איז דאַמאָלסט געווען. דזשוליאַ האָט זיך נאָכאַמאָל צו איהר באַוויזען, דאָסמאָל איידער די פריינדין האָט זיך נאָך געלעגט שלאָפען, בעת זי איז געווען פולשטענדיג וואַך.

די פריילין האָט סטעד'ן דערצעהלט וועגען דער ערשיינונג און איהם געפרעגט אויב ער קען פון דזשוליאַ'ן קריגען אַ שריפטליכע ידיעה. ער האָט צוגעזאָגט צו פּרובירען, און צו מאָרגענס, ווען ער איז געווען אַליין אין זיין צימער, האָט זיין האַנט אָנגעשריבען: „זאָג איהר זי זאָל געדענקען, וואָס איך האָב איהר געזאָגט ווען מיר זענען דאָס לעצטע מאָל געקומען צו מינערוואַ". סטעד האָט — אין געדאַנק — פּראָטעסטירט, דערקלערענדיג די ווערטער פאַר אַבסורד, און ער איז געווען אַזוי אַנטוישט אַז ער האָט אַ שטיק צייט זיך אָפּגעזאָגט איבערצוגעבען דזשוליאַ'ס פריינדין דעם גרוס. אָבער, ענדליך, האָט סטעד איהר דערצעהלט וועגען דעם און דאָס מיידעל האָט איבעראַשט אויסגערופען: „האָט זי ווירקליך, דאָס געשריבען; דאַן איז עס דזשוליאַ אַליין, קיין צווייפעל נישט!" ווי קומט איהר צו מינערוואַ? (אַ נאָמען פון אַ געטין) — האָט סטעד נישט געקענט פאַרשטעהן, און דאָס מיידעל האָט איהם דערצעהלט, אַז קורץ פאַר'ן טויט האָט דזשוליאַ באַטיטעלט מיט'ן נאָמען „מינערוואַ" דער פריילין ווילאַרד, די גרינדערין פון דעם „פרויען'ס טעמפּעראַנץ פאַרבאַנד" און איהר געגעבען אַ בראָש, אויף וועלכען ס'איז געווען אויסגעקריצט דער מיטאָלאָגישער נאָמען. פון דאַמאָלט אָן האָט זי דער פריילין ווילאַרד נישט אַנדערש גערופען ווי „מינערוואַ".

סטעד האָט פּרובירט קריגען נאָך מיטטיילונגען פון דזשוליאַ'ן און,

ווי די מעהרסטע ספּיריטואַליסטען פיהרען זיך, קודם געגומען סמנים, גראַד קליינינקייטען, פון וועלכע נישט ער אליין און נישט קיין אַנדערע, אויסער די פאַרשטאַרבענע און איהר נאָהענטסטער פריינד קענען וויסען, צו זיין זיכער, אַז דער גרוס אָדער ידיעה קומט אין אמת'ן פון „יענער זייט", פון אַ געשטאָרבענעם פערזאָן.

איינמאָל שרייבט סטעד'ס האַנט: „פרעג זי אויב זי קען זיך דער־מאָנען ווען מיר זענען צוזאַמען אַהיים געגאַנגען און זי איז געפאַלען און זיך צוקלאַפּט דעם רוקען־ביין". סטעד האָט, איבערגעבענדיג דעם סימן צו דזשוליא'ס פריינדין, באַמערקט: „איך האָב קיינמאָל נישט געוואוסט, אַז איהר האָט איבערגעלעבט אַזאַ פאַרפאַל". אָבער יענע האָט געלייקענט, אַז מיט איהר זאָל האָבען ווען אַזעלכעס פּאַסירט; סטעד האָט דאַן שפּאַסענד פּראָטעסטירט: „שען! איך פרעג דיך וועגען איינעם פון די טויזענטער קליינע פאַרפאַלען, וואָס איהר ביידע האָט געמוזט דורכמאַכען, און דו שרייבסט יואָס ס'האָט קיינמאָל נישט געטראָפען!" אויגענבליקליך האָט זיין האַנט געשריבען אַן ענטפער: „איך בין אַבסאָלוט גערעכט; זי האָט פאַרגעסען". סטעד פרעגט, אויב זי קען איהר פריינדין דאָס צוריק ארויפברענגען אויף'ן זכרון. „יאָ" — שרייבט זיין האַנט אויטאָמאַטיש; „ווען איז דאָס געווען?" „זיבען יאָהר צוריק"; „וואו איז דאָס געווען?" „אין סטריטאַר, אין אילינאי"; „ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט?" „זי און איך זע'מיר אין אַ שבת נאָכמיטאָג אַהיים געגאַנגען פון קאָנטאָר. ס'איז געווען אַנגעשנייט. בעת מיר זענען געקומען אַנט־קעגען פרוי בול'ס הויז האָט זי פאַרטשעפּעט איהר פוס, געפאַלען און זיך צוקלאַפּט די פּלייצע".

סטעד האָט דאָס איבערגעלייענט פאַר דזשוליא'ס פריינדין און יענע האָט אויסגערופען: „אָ, דאָס מיינסטו, דזשוליא! איך געדענק עס איצט זעהר גוט. איך בין געלעגען צו־בעט צוויי אָדער דריי טעג מיט אַ צו־קלאַפּטער פּלייצע, אָבער איך האָב קיינמאָל נישט געוואוסט, אַז מיין רוקען־ביין איז געווען פאַרוואונדעט".

נאָך אַ באַל:

מיט יאָהרען צוריק איז צווישען סטעד׳ס אָנגעשטעלטע געווען אַ פּריי־לין ע. מ. זעהר אַ פעהיגע און פאָלקאָם געזונטע, אָבער איהר אומבאַשטימ־טער טעמפּעראַמענט האָט זי געמאַכט אונדערטרעגליך, און איינמאָל, אין אַ יאַנואַר, ווען סטעד האָט ערנסט געטראַכט וועגען שיידען זיך מיט איהר, האָט דזשוליאַ, מיט זיין האַנט, געשריבען: זיי זעהר געדולדיג מיט ע. מ. זי קומט אַריבער אויף אונזער זייט נאָך פאַר דער ענד פון יאָהר״. סטעד איז געווען פאַרוואונדערט, ווייל די פריילין האָט נישט אויסגעזעהן צו האַלטען פאַר׳ן טויט, און ער האָט וועגען דעם קיינעם נישט דערצעהלט.

די וואָרנונג האָט די „טויטע״ דזשוליאַ איבערגעחזרט אין פעב־רואַר, מערץ, אַפּריל, מאַי און יוני. אין יולי איז ע. מ. געפעהרליך קראַנק געוואָרען אויף אַפּענדעסיטיס (אָנצינדונג אויף דער בלינדער קישקע). די צוויי דאָקטוירים, וואָס האָבען זי באַהאַנדעלט, האָבען איהר אָפּ־געזאָגט דאָס לעבען, און סטעד האָט דאַן דזשוליאַ׳ן געפרעגט: „איך גלויב, אַז דאָס איז עס, וואָס דו האָסט פאַראויסגעזאָגט״. צו זיין איי־בעראַשונג איז געקומען דער ענטפער: „ניין, ס׳וועט איהר בעסער ווע־רען. אָבער אַלצאיינס, זי וועט אַריבער צו אונז איידער דאָס יאָהר וועט זיך ענדיגען״. ע. מ. איז באַלד געזונט געוואָרען און זיך גענומען צו איהר שטענדיגער באַשעפטיגונג.

אין אויגוסט, אין סעפּטעמבער, אין אָקטאָבער און אין נאָוועמ־בער איז די וואָרנונג וועגען איהר טויט כסדר — דורך זיין האַנט — ווידערהאָלט געוואָרען. אין דעצעמבער איז פריילין ע. מ. אַוועקגע־פאַלען אויף אינפלוענציע. „אַלזאָ, דאָס איז עס, וואָס דו האָסט פאַר־אויסגעזאָגט?״ האָט סטעד באַמערקט און איז ווידער ערשטוינט געוואָרען פון דעם ענטפער: „ניין, זי וועט נישט אַריבערקומען אויף אַ נאַטירליכען אופן״. ס׳איז געקומען ניי־יאָהר־צייט. ע. מ. איז געווען זעהר קראַנק, אָבער דאָס אַלטע יאָהר איז אַריבער און זי האָט נאָך געלעבט. „דו זעהסט, האָסט געמאַכט אַ טעות!״ האָט סטעד גערעדט צו דזשוליאַ׳ן אין געדאַנק,

און זי האָט מיט זיין האַנט אָנגעשריבען: „איך קען זיין נישט ריכטיג מיט עטליכע טעג, אָבער וואָס איך זאָג איז אמת".

אַרום דעם 10־טען יאַנואַר האָט דזשוליאַ איהם געשריבען: „זעה מאָרגען ע. מ. זיי צו איהר צערטליך. מאַך אַלע נויטיגע פּאַרבּאַריי־טונגען. וועקט זי מעהר קיינמאָל נישט זעהן אויף דער ערד. סטעד איז אַוועק זי זעהן; זי האָט געהאַט פיבער און דערוואַרט מ'זאָל איהר איבער־פיהרען אין שפּיטאָל. די גאַנצע צייט, וואָס סטעד האָט מיט איהר פאַר־בּראַכט, האָט זי גערעדט וועגען איהרע פּלענער, ווען זי וועט זיך אומקערען צו דער אַרבּייט, און סטעד האָט, געזעגענענדיג זיך מיט איהר, געטראַכט, אויב דזשוליאַ איז זיך ווידער נישט טועה... נאָר אין צוויי טעג אַרום האָט ער דערהאַלטען אַ טעלעגראַם מיט דער מיטטיילונג, אַז ע. מ. האָט זיך אַרויסגעוואָרפען פון אַ פענסטער פון פערטען שטאָק און מ'האָט זי אויפגעהויבען אַ טויטע.

איז מעגליך די געבּראַכטע פאַקטען צו דערקלערען מיט טעלעפּאַטיע?

— אומעגליך! אין ערשטען פאַל איז דזשוליאַ'ס פריינדין נישט גע־ווען דאַבּיי און סטעד האָט דערפאַר נישט געקענט — באַוואוסט אָדער אומבּאַוואוסט — „איבּערנעמען" איהרע ערינערונגען. אין די ווייטערע פאַלען איז געפיהרט געוואָרען אַ מין קרייז־פאַרהער פון קורצע, אָפּגע־האַקטע פראַגען און ענטפערס, וועלכע לאָזען קיין צווייפעל נישט, אַז סטעד'ס האַנט איז דיקטירט געוואָרען פון אַן אינטעליגענטער, באַוואוסט־זיניגער פּערזענליכקייט — פון דער געשטאָרבּענער דזשוליאַ'ן. די פאָראויסזאָגונגען וועגען פריילין ע. מ. קענען אודאי און אודאי נישט פאַרטייטשט ווערען מיט דער טעלעפּאַטישער טעאָריע. קעגען פאָר־אויסזאָגונגען און פאָראויסזעהונגען — און אַזעלכע זענען נישט זעלטען! — זענען די טעלעפּאַטיקער אַבּסאָלוט הילפלאָז. דער „טעלעפּאַטישער אַפּאַראַט" — לאָמיר עס פאַר באַקוועמליכקייט אַזוי רופען — קען דאָך נאָר „איבּערכאַפּען" ידיעות וועגען געשעהענע זאַכען אָדער וועגען אַזעלכע זאַכען, וואָס האַלטען ערשט אין געשעהן — פון נישט געשעהענע איז

אפגערעדט! דאס נישט־פאסירטע ליגט דאך נאך נישט אין קיינעמ'ס באוואוסטזיין אדער אונטערבאוואוסטזיין.

נאך מעהר: מענשען מיט ליכטיגע אויגען, מעדיומס' וואס קענען אויך זעהן די גייסטער־וועזענס, אזעלכע, וואס האבען דזשוליא'ן קיינמאל נישט געקענט, אפילו נית געוואוסט פון איהר עקזיסטענץ, — האבען געשילדערט דזשוליא'ן שמעהענדיג לעבען סטעד'ן בעת זיין האנט האט אויטאמאטיש געשריבען איהרע גרוסען און מיטטיילונגען; אייניגע פון זיי האבען אפילו אנגערופען איהר נאמען. זייערע שילדערונגען פון איהר אויסזעהן זענען געווען פולשטענדיג ריכטיג און גענוי.

סטעד דערצעהלט אויך אינטערעסאנטע פאקטען וועגען גייסטער־פאטאגראפיע. איין פאל פון צעהנדליגע וועל איך דא ברענגען:

צווישען סטעד'ס פריינד אין לאנדאן איז געווען אן אלטער פאטאגראפיסט, א מעדיום מיט ליכטיגע אויגען: ער האט געזעהן די גייסטער. איינמאל, — ס'איז געווען בעת'ן בורען־קריג, — האט זיך צו איהם באוויזען א בור מיט א מוראדיג אויסזעהן. בשעת סטעד'ס א וויזיט אין דעם אלטענ'ס פאטאגראפישער אנשטאלט, האט זיך דער בור נאכאמאל צו איהם באוויזען. ער איז אריינגעקומען צוזאמען מיט סטעד'ן, מיט א מילדער אויסזעהן ווי דאס ערשטע מאל. סטעד האט גארנישט געזעהן און ער האט געבעטען דעם אלטען פאטאגראפיסט ער זאל פרובירען די ערשיינונג פאטאגראפירען, נאר פריהער פרעגען זיין נאמען.

— ער זאגט, אז זיי נאמען איז פיעט באטא! — האט דער פאטאגראפיסט געמאלדען.

סטעד האט זיך געוואונדערט: „פיעט באטא? איך וויים פיליפ, לואיס, כרים, און איך געדענק נישט וויפיעל נאך אנדערע באטאס. אבער פיעט האב איך קיינמאל נישט געהערט".

אויף דער פאטאגראפיע איז ארויסגעקומען א פעסט־געבויטער, הויכער מאן מיט'ן אויסזעהן פון א בור אדער מוזשיק. שטעהענדיג לעבען סטעד'ן.

נאכ'ן בורען־קריג, ווען דער באריהמטער גענעראל באטא איז געקומען קיין לאנדאן, האט סטעד אוועקגעשיקט די פאטאגראפיע צו ה'

פישער, וועלכער איז געווען פרעמיער־מיניסטער פון דעם פרייען אראנזש־שטאט. צומארגענס איז ה׳ וועסעלס, אן אנדער פריישטאטער מיניסטער, געקומען צו סטעד׳ן און איהם געפרעגט:

— וואו האט איהר באקומען די פאטאגראפיע, וואס איהר האט געשיקט צו פישער׳ן?

סטעד האט עס איהם אויספיהרליך דערקלערט.

וועסעלס האט געשאקעלט מיט׳ן קאפ: „איך האלט נישט פון אבער־גלויבען. דערצעהלט מיר ווי־אזוי איהר האט באקומען דעם פארטרעט? יענע פערזאן (אויף דער פאטאגראפיע) האט נישט געקענט וויליאם סטעד׳ן, ער איז קיינמאל נישט געווען אין ענגלאנד״.

סטעד פארזיכערט איהם: „איך האב אייך געזאגט ווי־אזוי איך האב די פאטאגראפיע געקריגען און איהר מעגט מיר נישט גלויבען, אויב איהר ווילט. אבער פארוואס זענט איהר אזוי צומראגען?״

און וועסעלס דערקלעהרט איהם: „די פערזאן איז געווען מיינער א נאהענטער קרוב. ער איז דער ערשטער בורען־קאמאנדיר, וואס איז גע־פאלען אין דער שלאכט ביי קימבערלי״.

— איז ער,ווירקליך, טויט? ווי האט ער געהייסען?

— פיעטרוס יאהאנעס באטא. נאר מיר פלעגען איהם שטענדיג רופען פארקירצט פיעט באטא.

אז ס׳איז מעגליך צו פאטאגראפירען גייסטער איז קיין נייעס נישט. פיל אנדערע האט זיך דאס איינגעגעבען; דער באקאנטער וויסענ־שאפטסמאן ה׳ קערינגטאן דערצעהלט אין דער בייל‍אגע פון דער ניו־יארקער „ווארלד״, פון דעם 31טען אויגוסט, 1919, וועגען א וואשינג־טאנער פרוי, מאדאם דיו פאנט לי. א נישט־פראפעסיאנעלע מעדיום, וועלכע האט אין פארלויף פון יאהרען אויסגעגעבען גרויסע געלט־סומען אויף אזעלכע עקספערימענטען. זי טוט עס אויף אזא אופן: זי לייגט צו א פאטאגראפישע פלאטע צום שטערן און האלטענדיג עס אזוי א פופצעהן־צוואנציג מינוט, איז דער סעאנס געענדיגט; זי גיט דאן אוועק די פלאטע צו א פאטאגראפיסט אויסצוארבייטען; אויף איין פאטא־

גראַפיע איז דייטליך ארויסגעקומען דאָס בילד פון אַ פאַרשטאָרבענעם וואַשינגטאָנער דאָקטאָר, ארומגערינגעלט מיט מיסטעריעזע, שווימענדע פיגורען, — אויך אַ בילד פון איהרען אַ פאַרשטאָרבענעם פריינד.

הער און מאַדאַם פלאַהיק פון מאַהאַוואַ, מינעסאָטאַ (פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקע) מאַכען עקספּערימענטען אויף דעם געביט מיט אַ געוועהנליכער פאָטאָגראַפישער קאַמערא, ווי דער דערמאַנטער לאָנ־דאָנער פאָטאָגראַפיסט, סטעד'ס פריינד: זייערע פּראָבען צו פאָטאָ־גראַפירען אומזעהבארע געשטאַלטען האָט זיך זיי ערפאָלגרייך איינגע־געבען און עס איז זיי אויך געלונגען „אראַפּצוכאַפּען" אויף אַ בילד די מיסטעריעזע ראַדיאַציע, די געהיימע אויסשטראַלונג, וואָס קומט־ארויס פון זייערע קערפּערס, ווי פון יעדען מענשליכער קערפּער.

אויף דעם מיסטעריעזען ליכט, וואָס שטראַלט־ארויס פון יעדען מענש און וועלכעס איז אומזעהבאר פאַר'ן פיזישען אויג, האָבען שוין אָנגעוויזען אזעלכע געלערנטע ווי דר. בראַדוק און דאַרגע פון פּאַריז, דר. י. אָשאַראָוויטש פון וואַרשע, פּראָפעסאָר טאַקאַראַי פון טאָקיאָ'ער אוני־ווערזיטעט, דר. שרענק־נאָציג פון מינכען און אנדערע, וועלכע האָבען זייערע עקספּערימענטען געמאַכט מיט דער הילף פון פאָטאָגראַפישע פּלאַטען. לויט דער היפּאָטעזע פון אייניגע ספּיריטואַליסטען זאָלען אַט די אויסשטראַלונגען דאָס זיין די וועלען, וועלכע פאַראייניגען דעם סוב־לימינאַל מיט'ן סופּראַ־לימינאַל. אויף וועלכע ס'טראָגען זיך איבער שטימונגען, געפיהלען, געדאַנקען אד"ג. פון „יענער זייט" אַהער און פון דאַנען אַ ה י ן.

פאָטאָגראַפיעס פון געשטאָרבענע, ווי די פון וואַשינגטאָנער דאָקטאָר און פון בורען־קאָמאַנדיר באָטאַ קענען, נאַטירליך, אויך נישט אריינ־געפּאַסט ווערען אין די ראַמען פון טעלעפּאַטיע צו דערזעלבער קאַטע־גאָריע פאַקטען, פאַר וועלכע אַ דערקלערונג מיט טעלעפּאַטיע איז אומ־מעגליך, געהערען אויך די פאָלגענדע:

ארטור היל דערצעהלט:

ביי אַ זיצונג, וואָס ער האָט געהאַט דעם 15טען יאַנואַר, 1915,

מיט דעם מעדיום א. ווילקינסאָן, האָט דער לעצטער צווישן אַנדערעס געזאָגט:

„דאָרט איז אַ מאַן ביי יענער ביכער־שראַנק (ווייזענדיג), אַ זעהר אַלטער מאַן, גרויס, פול; אַלט־פרענקיש העמד, וויס, זעהר ריין, עליאַס סידני. (דער מעדיום נעהמט אַ בלייבעדער און פּאַפּיר און שרייבט „עליאס סידני“). האָט זיך אינטערעסירט מיט פּאָליטיק; גיכער אַ שמאַרקער פּאָליטיקאַנט — ראַדיקאַל אָדער שטרענג ליבעראַל. געשטאָרבען אַ געוויסע צייט צוריק. עמיצער האָט איהם געבראַכט, עמיצער אויף דער אַנדערער זייט, וועלכער האָט פריהער דאָ מאַניפעסטירט. נישט נעד ווארינט דאָ. אַ גוטע קאָליר אין זיין פּנים. עמיצער איז הינטער איהם און ער פאַרשאַטענט איהם. האָט צו טון מיט ליבעראַלען“.

די גאַנצע שילדערונג איז געווען אַבסאָלוט פרעמד פאַר היל'ן, וועלכער האָט קיינמאָל, ביז דאַמאָלס, נישט געהערט פון קיין עליאַס סידני.

דער מעדיום ווילקינסאָן האָט אָנגעהויבען רעדען וועגען אַנדערע גייסטער, איינינע היל'ס פאַרשטאָרבענע קרובים, צווישען זיי איינער אַ מאַזעס יאַנג, וועלכער איז געשטאָרבען אין דער יוגענד און היל האָט שוין אפילו געהאַט פאַרגעסען אָן איהם. דאַן:

„סידני באַווייזט זיך ווידער. עמיצער האָט איהם געבראַכט. אַ געד וויסער גייסט“.

היל האָט אויך דאַמאָל נישט דערקענט דעם געשילדערטען. אַנ־דערע גייסטער זענען געקומען, און פון צייט־צו־צייט פלעגט דער מעדיום דורכוואַרפען אַזעלכע זאַצען, ווי: סידני קומט און געהט; ענטוזיאַס־טיש פאַר פּאָליטיק“, „סידני פלעגט זיך אויפקאָכען דיסקוטירענדיג פּאָ־ליטיק“, און דאַסגלייכען. ס'האָט אויסגעזעהן, אַז דער מעדיום קריגט זיינע איינדרוקען פון גייסט, וואָס האָט סידני'ן געבראַכט און וועלכער גיט אַ כאַראַקטעריסטיק פון איהם, כדי מ'זאָל איהם דערקענען; אָבער היל האָט וועגען איהם אַלץ די מינדסטע אהנונג נישט געהאַט. צום סוף רופט זיך אָפּ דער מעדיום:

„ס'איז הער לעדער, וועלכער האט אהערגעבראכט סידני'ן. זיי זענען געווען גוטע ברידער! סידני איז אוועק (געשטארבען) א סך פריי־ ער ווי הער לעדער".

לעדער איז בעת'ן ערדישען לעבען געווען היל'ס א גוטער באקאנ־ טער און ער האט שוין איינינע מאל, פאר דער דערמאנטער זיצונג, קאָ־ מוניקירט מיט איהם. אבער ווער איז סידני? היל האט זיך נאכגעפרעגט ביי א צאהל פראמינענטע ליבעראלען, נאר קיינער פון זיי האט נישט געהערט אזא נאמען. ענדליך האט ער דאך געפונען איינעם, וואס האט איהם געקענט געבען אינפארמאציע וועגען עליאס סידני'ן.

ס'האט זיך ארויסגעוויזען, אז סידני האט געוואוינט עטליכע מייל אוועק פון לאנדאן און ער איז געשטארבען אין עלטער פון עטליכע און אכטציג יאהר; די לעצטע יאהרען פון זיין לעבען האט ער זיך אינגאנ־ צען צוריקגעצויגען פון דער עפענטליכקייט, און דער מעדיום, וועלכער האט געוואוינט אין אן אנדער שטאדט, צוועלף מייל אוועק, האט נישט געקענט וועגען איהם וויסען.. היל באמערקט דערצו, אז דער אינצידענט קען נישט פארטייטשט ווערען מיט דער דערקלערונג פון געדאנקען־ לעזונג, ווייל אין זיין באוואוסטזיין אדער אונטערבאוואוסטזיין, וואו פארגעסענע זאכען פארבלייבען, האט נישט געקענט איינגעקריצט זיין א פערזאן, פון וועמען ער האט קיינמאל די מינדסטע אהנונג נישט געהאט.

און איצטער צו אליווער לאדזש'ן:

ריימאנד, סער אליווער לאדזש'ס זוהן, איז דעם 14טען סעפטעמ־ בער, 1915, געפאלען בעת א שלאכט מיט די דייטשען.

דעם 27טען סעפטעמבער האט ליידי לאדזש געהאט א זיצונג מיט דעם מעדיום פעטערס, וועלכער — נישט־וויסענדיג ווער זי איז, — האט איהר צווישען אנדערעס מיטגעטיילט וועגען א פאטאגראפיע, אויף וועלכער איהר זוהן ריימאנד איז ארא͏פגענומען מיט א גרופע אפיצירען. די פאמיליע לאדזש האט קיין שום באגריף נישט געהאט וועגען אזא בילד; ריימאנד האט אין די בריף צו זיי מיט קיין זילבע אן דעם נישט דערמאנט.

דעם 29טען נאָוועמבער האָט פרוי לאַדוש דערהאַלטען אַ בריף פון פרוי טשיווס, די מוטער פון ריימאָנד'ס אַ חבר־אָפיציר, מיט דער מיטטיילונג, אַז אויף אַ גרופען־פאָטאָגראַפיע, וואָס איהר זוהן האָט איהר צוגעשיקט פון פראַנט, איז אויך דאָ ריימאָנד.

דעם 3טען דעצעמבער, האָט אָליווער לאָדזש געהאַט אַ סעאַנס מיט דעם מעדיום מאַדאַם לעאָנאַרד, וועלכע האָט געגעבען אַ באַשטעטיגונג פאַר דער גרופען פאָטאָגראַפיע.

דעם 6טען דעצעמבער, האָט ליידי לאָדזש געפונען אין ריימאָנד'ס טאָג־בוך, וואָס איז אָנגעקומען פון שלאַכטפעלד, אָנגעשריבען — אונטער דער דאַטע פון 24טען אויגוסט: „גענומען אַ פאָטאָגראַפיע".

אויף ביידע סעאַנסען איז דאָס אויסזעהן פון דער פאָטאָגראַפיע און ריימאָנד'ס פאָזע האַרט גענוי געשילדערט געוואָרען. די פרוי־מעדיום, מאַדאַם לעאָנאַרד, האָט אפילו אָנגעגעבען די איניציאַלען פון איינינגע נעמען פון אָפיצירען, וואָס זענען צוזאַמען מיט ריימאָנד'ן אַראָפגענומען.

ווען די פאָטאָגראַפיע איז דעם 7טען דעצעמבער דערהאַלטען געוואָרען, האָט אַלץ גענוי געשטימט. דאָס בילד האָט געהאַט אַלע סמנים, וואָס די מעדיומס האָבען אָנגעגעבען.

ווער האָט דורך די מעדיומס צעווייסען געטון דער פאַמיליע לאָדזש וועגען דער פאָטאָגראַפיע? — זייער פאַרשטאָרבענער זוהן ריימאָנד! אין פאַל פון טעלעפאַטיע וואָלט אפשר מעגליך געווען, אַז די דריי ווערטער, וועלכע ריימאָנד האָט פאַרשריבען אין זיין טאָגבוך: „גענומען אַ פאָטאָגראַפיע", זאָלען זיך אין דערזעלבער צייט „אָפּקלאַפּען", ווי אַ דעפּעשע, אין זיינע עלטערנ'ס מחות. אָדער אונטערבאַוואוסטזיינס, פון וואַנען דער מעדיום האָט עס געקענט „איבערכאַפּען". אָבער ווי זאָל מען דערקלערען די גענויע איינצעלהייטען וועגען דער פאָטאָגראַפיע. וואָס די מעדיומס האָבען „אויסגעמאָהלען" אַזוי גענוי? און די שוין פריהער געפרעגטע פראַגע שווימט דאָ נאָך אַמאָל אַרויס: ליידי לאָדזש און סער לאָדזש האָבען דאָך געהאַט אויפ'ן קאָפּ פיל אַנדערע

זאַכן, פאַרוואָס האָבן די מעדיומס יענע זאַכן נישט „איבערגעכאַפּט”, נאָר גראָד די „דעפּעשע” וועגן דער פאָטאָגראַפיע?

ס'בלייבט קיין צווייפעל נישט, אַז ריימאָנד אַליין האָט מיטגעטיילט זיינע עלטערן וועגן דער פאָטאָגראַפיע, און קיין צווייפעל איז אויך נישט וועגן די מעהרסטע ידיעות און אַנטפּלעקונגען, וואָס זענען פאַרצייכענט אין די פּראָטאָקאָלען פון די געזעלשאַפטען פאַר פּסיכישע אונטערזוכונגען, אַז זיי זענען פאַראורזאַכט פון גייסטער. די גייסטער פון די פאַרשטאָרבענע, וועלכע זענען אַפט אַרום אונז, זענען פאַראַנטוואָרטליך פאַר די מיסטעריעזע ערשיינונגען אין לעבען.

כ'וואָלט געקענט דערצעהלען אַ רייה פון מיינע אייגענע ערפאַרונגען, אָבער איך האַלט זיך איצט צוריק דערפון. כ'וויל דערווייל געבען בלויז די פאַקטען, וואָס זענען אויסגעקליבען געוואָרען, און מיט עדות באַשטעטיגט, פון די גרעסטע וויסענשאַפטליכע אויטאָריטעטען אויפ'ן געביט פון פּסיכישער פאָרשונג; מיינע אייגענע ערפאַרונגען וועל איך אויסנוצען ביי אַן אַנדער געלעגענהייט, מעגליך אין אַ באַזונדער בוך.

איצט וועל איך איבערגעהן צו די ידיעות און שילדערונגען וועגן די גייסטער־ספערען, ווי זיי ווערען איבערגעגעבען פון די גייסטער. — די ספערען, וואו די, וואָס זענען געשטאָרבען פאַר אונז, געפינען זיך און וואו מיר אַלע וועלען אַמאָל זיין.

IV.

די גייסטער-ספערען

איך האב בסדר דערמאנט די „גייסטער־ספערען" און „יענע זייט שוועל". ס'איז דערפאר נייטיג א דערקלערונג וועגער דער אומזיכטבאַרער וועלט, וואו די גייסטער פון די פארשטארבענע געפינען זיך. נאטירליך איז אוממעגליך צו געבען א רעאליסטיש בילד פון דער גייסטער־וועלט שוין צוליעב דער איינפאכער אורזאך, וואס מיר, ערדישע, זענען נאך דארט נישט געווען, און אויב אונזער גייסט וואנדערט דארט אמאל אהין בעת מיר שלאפען (ווי ס'איז ארויסגעבראכט געווארען בעת אייניגע ספיריטואליסטישע סעאנסען), — געדענקען מיר גארנישט וועגען דעם נאכדעם ווי מיר דערוואכען. „אויב מיר וואלטען עס געדענקען, וואלט דער מח נישט געקענט איבערטראגען די משא פון טאפעלטער עקזיסטענץ, און וואלט נישט געקענט דערפילען זיינע טעגליכע פליכטען" („רייכאנד", ז. 193).

אליז, וואס מיר ווייסען וועגען די גייסטער־ספערען, איז אונז איבערגעגעבען געווארען אין טערמינען און באגריפען, וואס קענען אונז, ערדישע, זיין פארשטענדליך: מיר קענען וועגען דעם פילאזאפירען, זיך פארשטעלען עס אין אונזער פאנטאזיע אזוי רעאל ווי מעגליך, אבער ס'קומט אלץ ארויס אין די גרענעצען פון אונזערע חושים. דאס איז נישט בלויז אזוי אין ספיריטואליזם. נאר בכלל אין דער וויסענשאפט. דער אסטראנאם דערצעהלט אייך וועגען דער ווייטקייט פון אונזער ערד ביז, למשל, צום שטערן מארס. וואס מיינט עס פאר אייך? ציפערן! פארשטעלען זיך די אומגעהייערע ווייטקייט קענט איהר נישט. די מענשליכע השגה איז צו באגרענעצט דערפאר. די זון, ווייסט איהר, איז א פייערדיגע קוגעל. אבער קענט איהר זיך פארשטעלען דאס גאנצע פרעכטיגע בילד? און קענט איהר זיך פארשטעלען אומענדליכקייט?

מיר קענען זיך נישט אויסמאהלען זאכען, וואס זענען **א י ב ע ר**

אונזערע באַגריפען, איבער אונזערע השגות. בלויז איינצעלנע, גייסטיגע ריזען, אין נביאישען עקסטאַז, קענען אַמאָל אַריבער די נאָרמאַלע גרענעצען. נאָר אויך זייערע אַנטפּלעקונגען, ווי קאָלאָסאַל און הערליך זיי זאָלען נישט זיין, קענען נישט גרייכען צו ווייט און זענען נישט אימשטאַנד אינז פאַרצושטעלען אפילו דאָס אַנטפּלעקטע, ווייל ס'ווערט אונז איבערגעגעבען מיט אַ באַגרענעצטע צאָהל ווערטער אָדער פאַרבען, וואָס מיר באַזיצען.

דער גרעסטער קינסטלער איז צו אָרעם אין ווערטער אָדער קאָלירען. אז ער זאָל אונז קענען פאַרשטעלען די גאַנצע שענקייט פון אַ באַרג, די הערליכקייט פון אַ זונאויפגאַנג אָדער זונאונטערגאַנג. טראָגט דעם קינסטלער אַוועק אין דער אומענדליכקייט, צווישען די פּלאַנעטען און זונען, און ער וועט בלייבען שטום; ער וועט נישט קענען איבערגעבען וואָס ער האָט געזעהן, דאָס אומגעהייערע, וואָס וועט זיך פאַר זיין אויג אַנטפּלעקען, וועט איהם צומישען. ער וועט דערנאָך פּראָבירען איבער־געבען אין ווערטער אָדער פאַרבען דאָס געזעהענע, מענשען וועלען באַוואונדערען זיין ריזען־ווערק, אָבער דער קינסטלער אליין וועט בלייבען אומבאַפרידיגט, ווייל ער וועט פיהלען, אז די אומגעהייערע געטליכע שאַפונג איז אין זיין ווערק אומגעהייער איינגעשרומפען געוואָרען, דאָס אוניווערזאַלע וואונדער איז פאַרלוירען געגאַנגען, זיך פאַרוואַנדעלט אין אַ שענער צויבער־געשיכטע...

די איינציגע קונסט, וואָס האָט אפשר אַן אומבאַגרענעצטען כח אונז אַרויסצונעמען פון אונזער ערדישער וועלט און אונז צו פאַרטראָגען אין אַנדערע, שענערע, העכערע וועלטען, איז די מוזיק. די מוזיק איז אַן איבער־מאַטעריעלע קונסט און אַלע איבערערדישע ספערען זענען פאַר איהר אָפען. אָבער מיר קענען דאָס בלויז פיהלען, נישט זעהען מיט אונזער פיזיש אויג; מיר קענען פאַר זיך נישט קלאָר מאַכען וואָס מיר פיהלען בעת די מוזיק באַצויבערט אונז, מיר וויסען נאָר, אז מיר זענען אַנדערש געוואָרען, אז מיר זענען „אין אַנדערע וועלטען".

אונזער גייסט איז פעסט איינגעפּאנצערט אין מאַטעריע, אין שטאָף: די ערד, אויף וועלכער מיר טרעטען, איז מאַטעריע און מיר קענען נישט פריי ווערען פון די פיזישע באַדינגונגען ווי לאַנג אונזער גייסט געפינט זיך אין דעם פיזישען קערפּער. מיר מוזען אַלע זאַכען, אַפילו איבערעהדישע, זיך פאָרשטעלען אין מאַטעריעלע פאָרמען, אַנדערש קענען מיר זיי נישט זעהען.

דערפאַר קען אויך נישט געגעבען ווערען קיין באַפרידיגענדער ענטפער אויף די פראַגען: וואָס זענען די גייסטער־ספערען? וואו זענען זיי? וויפיעל מ׳זאָל אונז וועגען דעם נישט דערצעהלען און דערקלערען, וועט עס אַלץ נישט ארויסקומען ווי עס איז; די רייכסטע פאַנטאַזיע איז נישט אימשטאַנד רעאַל זיך פאָרצושטעלען די וועלט פון גייסטער, וואו דעם מענשענ׳ס עקזיסטענץ ווערט פאָרטגעזעצט נאָכ׳ן טויט.

פאַרשידענע געלערנטע און פּאָעטען האָבען פּראָבירט פאָרצושטעלען אַ רעאַל בילד פון דער אומזעהבאַרער וועלט, טייל קינסטלעריש, ווי געזעהן אין זייער פּאָעטישער באַגייסטערונג, און אַנדערע — אין טראַנס, דורך אַן אַנטפּלעקונג פון „יענער זייט שוועל״.

דער פראַנצויזישער געלערנטער פּ י ג י ע*) זעהט אַלע פּלאַנעטען באַוואוינט פון נשמות; ער טיילט די שטערן איין אין פאַרשידענע מדרגות, נידעריגע, העכערע און הויכע. ס׳ווענדט זיך, נאַטירליך, אַז דער גייסטיגער און מאָראַלער אַנטוויקלונג פונ׳ם מענש בעת׳ן ערדישען לעבען, ווי הויך אָדער ווי נידעריג ער זאָל זיין נאָכ׳ן טויט; אָבער ס׳מיינט נישט, אַז ווען די נשמה קומט אויף אַ נידעריגען פּלאַנעט, בלייבט זי שוין דאָרט. זי ווערט דאָרט געלייטערט און שטייגט העכער.

---

*) אַ גענויע אָפּהאַנדלונג וועגען פּיגיע׳ס טעאָריע געפינט זיך אין מיכל וועבער׳ס העברעאיש ווערק „חיי עולם הבא על פּי דרכי הטבע והבריאה״.

דער לעצטער פּונקט איז די זון; די זון, זאָגט פיגיע, איז באַוואוינט מיט גייסטער אין זייער ריינסטער און אידעלסטער פאָרם.

דאָס איז, זעלבסטפאַרשטענדליך, פּאָעטישע פאַנטאַזיע, ווי דאַנטע'ס „אינפערנאָ", צומביישפּיל; די אַנטפּלעקונגען און ידיעות פון „יענער זייט", וואָס ווערען אַרויסגעבראַכט דורך מעדיומס, זאָגען עפּעס אַנדערש. פון קיין פּלאַנעטען אַלס וואוינאָרט פון די גייסטער ווערט אין זיי נישט דערמאָנט. רייכאַנד, סער אָליווער לאָדזש'ס זוהן, זאָגט דורך אַ מעדיום, אַז ער זעהט די שטערן ווי בעת ער האָט געלעבט אויף דער ערד, נאָר העלער און גרעסער.

דער אַמעריקאַנער געלערנטער דר. הייר, וועלכער איז געווען אַ פּראָפעסאָר פון כעמיע אין דעם פּענסילוואַניער אוניווערזיטעט, האָט אין יאָהר 1855 פאַרעפענטליכט אַ בוך מיט'ן לאַנגען טיטעל „עקספּערימענטאַלע אונטערזוכונגען פון די גייסטער־מאַניפעסטאַציעס דעמאָנסטרירענדיג די עקזיסטענץ פון גייסטער און זייער פאַרבינדונג מיט די שטערבליכע", אין וועלכען ער באַהאַנדעלט אויך די פראַגע וועגען די גייסטער־ספערען. דר. הייר האָט זיך לאַנגע יאָהרען אָפּגעגעבען מיט גייסטער־קאָמוניקאַציע און דאָס, וואָס ער גיט־איבער וועגען דער אומזיכטבאַרער וועלט, איז איהם, דערצעהלט ער, דיקטירט געוואָרען פון פאַרשטאָרבענע פריינד.

ער דערצעהלט, אַז די אומזיכטבאַרע וועלט באַשטעהט פון זיבען הויפּט־ספערען, וועלכע טיילען זיך ווידער איין אין פאַרשידענע ספערען, נידעריגע און העכערע, און זיי אַלע רינגלען־אַרום אונזער ערד, ווי, למשל, די רינג, וואָס מ'זעהט אַרום דעם סאַטורן; די רינג אַרום יענעם פּלאַנעט איז טאַקע, לויט דר. הייר דערקלערט, די גייסטער־וועלט פון דעם סאַטורן.

ער קומט זיך צוזאַמען מיט פיגיע'ן אין צוויי פּונקטען: 1. אַז ס'זענען פאַראַן נידעריגערע און העכערע ספערען, אָדער מדרגות און 2. אַז אין יעדער ספערע (ביי פיגיע'ן פּלאַנעט) לעבט דער מענש אַ געוויסע צאָהל יאָהרען; דאָס הייסט, אַז דער איבערגאַנג פון איין ספערע

צו דער אנדערער קומט־פאר אויף אן עהנליכען אופן ווי דער איבער־גאנג פון דער ערדישער וועלט צו דער גייסטיגער וועלט. דאס מיינט אבער נישט, אז דער מענש שטארבט הארט אזוי ווי אויף דער ערד, — ווען די צייט קומט אריבערצוגעהן אין א העכערער ספערע, באפאלט דעם מענש־גייסט א מין שלאף, בעת וועלכען דער איבערגאנג קומט־פאר. דער טויט אויף אונזער מאטעריעלער וועלט איז, אייגענטליך, אויך א צייטווייליגער שלאף און ס׳וועגדט זיך ווידער אין דער אינטע־לעקטועלער, גייסטיג־מאראלער אנטוויקלונג פונ׳ם מענש ווי לאנג דער שלאף זאל אנהאלטען: טייל דערוואכען באלד, אנדערע שלאפען עטליכע וואכען, חדשים און אפילו יאהרען, ביז זיי כאפען זיך אויף אין אן אנדער וועלט. דאס איז גערעדט וועגען דעם „טויט״ אויף אונזער ערד; אין דער גייסטער וועלט איז דער שלאף בעת׳ן איבערגעהן פון איין ספערע צו דער אנדערער אין אלע פאלען א ק ו ר צ ע ר, א מ א־מ ע נ ט א ל ע ר.

אט די צוויי פונקטען ווערען באשטעטיגט פון אלע אנדערע גע־לערנטע, וועלכע גיבען זיך אפ מיט גייסטער־קאמוניקאציע, אדער בעסער געזאגט: פון די גייסטער, מיט וועלכע זיי קאמוניקירען. ריימאנד דער־צעהלט זיינע עלטערען, דורך א מעדיום, אז די פארשטארבענע רופען די ספערע, וואו זיי געפינען זיך, „היימלאנד״, אנדערע רופען עס אויך „זומערלאנד״, און דידאזיגע ספערע, די פינפטע, איז זעהר נאהענט צו דער ערד.

איינער פון די אינטערעסאנטסטע פערזענליכקייטען אין ספירי־טואליזם איז געווען אנדריו דזשעקסאן דייוויס, געבוירען אין בלומינג־גראוו (שטאט ניו יארק) אין יאהר 1826 און געשטארבען אין 1910. דייוויס איז באזעסען זעהר א קליינע בילדונג, אן עלעמענטאר וויסען, און דאך האט ער פארעפענטליכט א רייה ווערק, וועלכע אנטהאלטען אן אוצר פון וויסען פון פרעכטיגע אידעען און געדאנקען. ער איז געבענשט געווען מיט אן אויטאמאטיש־שרייבענדער האנט, און ווי ער האט דער־קלערט, זענען זיינע בעסטע ווערק איהם דיקטירט געווארען פון די גייסטער־ספערען.

איז זיינע ווערק „די פרינציפען פון דער נאטור און איהרע געט־ליכע אנטפלעקונגען'', „די שטים צו דער מענשהייט'', „די גרויסע הארמאניע'' (אין זעקס בענדער), „א שטערן־שליסעל צום זומערלאנד'', „די פילאזאפיע פון די ספעציעלע פארזעהונגען'' און אנדערע, ווייזט ער אונז די גייסטער־ספערען און דאס לעבען אויף זיי, ווי ס'איז איהם אנטפלעקט געווארען פון גייסטער. זיין שילדערונג פון דער אומזעהבא־רער וועלט שטימט מיט דר. הייר'ס. אבער ביי דייוויס'ן קומט עס ארויס פאעטיש־שענער און טיפער; דער לעצטער רעכענט זיך פאקטיש פאר דעם פאטער פונ'ם מאדערנעם ספיריטואליזם.

אין די גייסטער־געשפרעכען, צו וועלכע איך געה איצט איבער, וועלען די גייסטער־ספערען, נאטירליך, נישט איינמאל דערמאנט ווערען. אבער איך וויל דא פריהער זאגען, אז, אייגענטליך, דארף קיין גרויסער אונטערשיד נישט זיין, ווו די גייסטער־וועלט זעהט אויס, אזוי אדער אנדערש: ס'איז די איינגעבוירענע מענשליכע נייגעריגקייט, וואס וויל דאס אויסגעפונען. די הויפט־זאך איז צו וויסען, אז דאס ערדישע לעבען איז נישט דער עיקר און אז דעם מענשענ'ס עקזיסטענץ ווערט פארט־געזעצט נאכ'ן פיזישען טויט. ארטור היל באמערקט זעהר ריכטיג: „איך גלויב, אז מיר לעבען נאכ'ן טויט, אז מיר ווערען באגעגענט פון פריינד, ווען מיר געהען אריבער; און אז דער פראגרעס ווערט פארטגעזעצט אויף דער אנדערער זייט. פאר מיר איז דאס דערוויילע גענוג''.

V.

מיטטיילונגען פון „יענער זייט“

איך קום איצט צו די מיטטיילונגען פון די גייסטער־ספערען, ווי זיי זענען ארויסגעבראכט געווארען ביי א צאהל ספיריטואליסטישע סעאנסען, און כ'וועל זיי איבערגעבען אהן וועלכע־ס'איז קאמענטארען פון מיין זייט.

פריהער אבער וועל איך דא ברענגען צוויי ראפארטען פון טיש־סעאנסען (ביידע פארקירצט), כדי צו געבען א קלארען באגריף ווענען דער פאפולערסטער פארם פו גייסטער־קאמוניקאציע, צו וועלכען ס'איז, ווי געזאגט, נישט נייטיג קיין פראפעסיאנעלער מעדיום. דער ערשטער ראפארט איז א פראטאקאל פון פריילין פ. א. וואוד, וועלכע איז לאנגע יאהרען געווען א גאווערנאנטין אין דער לאדזש־פאמיליע. דאס איז געווען ס'ערשטע מאל, וואס זי האט ביינעוואוינט אזא מין זיצונג און ס'האט אויף איהר געמאכט א גוואלטיגען רושם. דער פראטאקאל לעזט זיך אזוי:

טיש־זיצונג אין דעם אויפנאהם־צימער אין מאריעמאנט

דאנערשטאג, 2טער מערץ, 1916.

ארום 6 פארנאכט.

באטיילינטע: ליידי לאדזש (סער אליווער לאדזש'ס פרוי). נארא און האנאר (איהרע טעכטער) און וואודי (די גאווערנאנטין — פריילין וואוד).

פראטאקאל פון פרל. פ. א. וואוד

אזוי ווי ס'איז געווען ס'ערשטע מאל וואס כ'האב ביינעוואוינט א זיצונג פון וועלכען־ס'איז סארט, וועל איך פארצייכענען די דעטאלען אזוי גענוי, ווי כ'קען זיי געדענקען.

דאָס איינציגע ליכט אין צימער איז געווען פון א נאַז־לאָמפּ, א גרויסע, אזוי, אז מיר האָבען געקענט זעהר קלאָר זעהן איינע די אַנ־דערע און די זאַכען אין צימער: דאָס טישעל, וואָס מיר האָבען גע־ברויכט, איז געווען אן אכט־קאַנטיגס, מיט דריי קורצע פיס.

א שטיקעל צייט האָט גאָרנישט פּאַסירט. איך האָב בלויז גע־פיהלט, אז דאָס טישעל מאַכט זעהר קאַלט מיינע הענט.

ארום א האַלבע שעה שפּעטער האָט לידי לאָדזש באַמערקט: איך גלויב נישט, אז עמיצער זאָל קומען היינט ביינאַכט; מיר וועלען וואַרטען נאָך אַביסעל לענגער, און דאַן געהן.

לידי לאָדזש — איז עמיצער דאָ היינט ביינאַכט, צו רעדען צו אונז? קומט, אויב איהר קענט, ווייל מיר ווילען וואודי׳ן ווייזען ווי א זיצונג געהט־צו. ריימאָנד, מייערע, דענקסטו, אז דו וועסט קענען קומען צו אונז?

(קיין ענטפער).

אין פאַרלויף פון דער האַלבער שעה איידער לידי לאָדזש האָט געשטעלט די פראַגען, האָב איך געפיהלט א קוריאַזען ציטער אין מיינע הענט און פינגער, און דאַן א פיל שטאַרקער געפיהל פון שווידער אין מיינע הענט און אָרעמס, וואָס האָט געמאַכט טרייסלען דאָס טישעל. איך האָב אויך געהאַט א געפיהל ווי עפּעס וואָלט זיך אָפּגעטיילט פון טישעל און איידעל באַריהרט די דלאָניע פון מיין לינקער האַנט. איז אָנהויב האָב איך עס געפיהלט איין מאָל; נאָך א קורצער פּויזע — דריי מאָל: דאַן, אַביסעל שפּעטער — צוועלף מאָל. און איינמאָל (איך וועל נישט אימשטאַנד זיין דאָס צו דערקלערען) האָב איך געפיהלט, גיכער ווי געהערט — א שטילען קלאַפּ אין צענטער פון טישעל (אָפּגערוקט פון די ליגענדע הענט).

במעט יעדעס מאָל, ווען כ׳האָב געפיהלט די מאָדנע באַוועגונגען פון טישעל, האָט לידי לאָדזש מיך געפרעגט: „האָסטו דאָס באַוואוי־גען, וואודי?” איך האָב עס זיכער נישט געטון באַוואוסטזיניג. און איך האָב איהר געזאָגט דעם אמת. און בעת כ׳האָב געפיהלט דעם

שווידער אין די הענט און אָרעמס, האָב איך אַליין גאָרנישט געזאָגט, ביז לײדי לאַדזש און נאָרא האָבען זיך אָפּגערופען: „וואָס טוט דאָס טישעל? ס'האָט קײנמאָל פריהער נישט געטון עפּעס ענליכעס צו דעם. דאַן האָב איך דערצעהלט וואָס איך פיהל אין די הענט און אָרעמס אַז"ו.

לײדי לאַדזש — קומט ווער? מיר וועלען זײן אַזוי צופרידען אויב עמיצער וועט קומען.

ס'האָט גאָרנישט פּאַסירט אַ ווײל, און לײדי לאַדזש האָט געזאָגט: „איך גלויב נישט, אַז ס'וועט אונז געלינגען".

אָבער איך האָב איהר געבעטען: אַ, וואַרט נאָך אַביסעל. כ'הויב ווידער אָן צו פיהלען דעם ציטער.

און האַנאָר האָט געזאָגט: „יאָ, איך מײן, אַז ס'איז עפּעס".

דאַן האָט דאָס טישעל זיך אָנגעהויבען באַוועגען, און לײדי לאַדזש האָט געפרעגט:

לײדי ל. — רײמאָנד, טײערער, ביסטו דאָס?
(דאָס טישעל האָט דרײ מאָל זיך אַ וויג געטון)

לײדי ל. — דאָס איז פײן פון דיר, ווײל וואודי האָט אַזוי געוואָלט זאָלסט קומען.

(דאָס טישעל האָט זיך געוויגט אַרויף און אַראָפּ, אויסדריקענדיג צופרידענקײט, וואָס איז שווער איבערצוגעבען אויף פּאַפּיר)

וואודי — דענקסטו, אַז איך באַזיץ וועלבע־ס'איז קראַפט?
נײן.

(פערזענליך בין איך נישט זיכער אין דעם. נאָך דער זיצונג און בעת איהר, האָב איך געפיהלט אַ מעגליכקײט דערפון — וואודי).

לײדי ל. — דו הוידעסט דעם טיש ווי אַ שפּיל־פערדעל (אָדער „וויג־פערדעל", אויף וועלכען מען וויגט זיך רײטענדיג). געדענקסטו דאָס שפּיל־פערדעל אין ניוקעסל?
יאָ.

ל י י ד י ל. — קענסטו געבען דעם פערדעל'ס נאמען?
(מיט דער הילף פון אלפאבעט ווערט אויסגעלייגט: —)

פ ר י נ ץ.

(מ'פלעגט דאס פערדעל רופען ארטשער פרינץ)

באלד נאכדעם האט דאס טישעל אנגעהויבען ארויסצעווייזען סמנים פון אומרוהיגקייט, און האנאר האט באמערקט: „מיר דאכט זיך, אז ער וויל אונז עפעס מיטטיילען".

ל י י ד י ל. — דו ווילסט אונז עפעס מיטטיילען?

ה א נ א ר — גוט, מיר זענען אלע גרייט, הויב־אן.

אייערליבעפארמיינרטיפעקיל.

ה א נ א ר — ריימאנד, דאס איז פאלש. נישט אזוי? איז „אייער ליבע פאר מיין" ריכטיג?

י א.

ה א נ א ר — זעהר גוט. מיר וועלען פון דארט אנהויבען.

(דער גרום האט זיך דאן געלעזען: —)

אייער ליבע פאר מיין קליינער שוועסטער.

איידער דאס גאנצע ווארט „שוועסטער" איז ארויס, האט ער ארויס־געוויזען גרויס צופרידענקייט; און ווען מ'האט פאר איהם דעם גאנ־צען זאץ איבערגעלייענט, איז ער געווען אזוי צופרידען און דאס אזוי דייטליך ארויסגעוויזען, אז ע ר און מיר האבען זיך צוזאמען צולאכט.

איך האב זיך קיינמאל נישט פארגעשטעלט ווי רעאל ס'קען זיך פיהלען זיין אנוועזענהייט צווישען אונז.

ל י י ד י ל. — מיינסטו לילי'ן?*)

י א.

---

*) לילי איז געשטארבען אין דער פריהער קינדהייט און, ווי אלע יונג־געשטארבענע קינדער, אויפגעוואקסען אין דער גייסטער־וועלט. ריימאנד האט זי נישט דערקענט, ביז זי האט זיך געוויזען צו איהם, ווי זי האט אויסגעזעהן אלס קינד.

ל י י ד י ל. — איז זי דא אין צימער?

י א.

ל י י ד י ל. — קען לילי אונז זעהן?

נ י י ן.

ל י י ד י ל. — לילי, טייערע, דיין מאמע האט דיך אזוי שטארק ליעב. איך האב דיר געוואלט שיקען מיין גרוס. כ'וועל דיך אמאל קומען זעהן, און דאן וועל איך זיין אזוי גליקליך. מיין טייער, טייער מיידעלע. כ'דאנק דיר זעהר פאר'ן קומען צו העלפען ריימאנד'ן, און פאר'ן קומען טיילמאל צו די טיש-סעאנסען, ביז ער וועט קענען אליין קומען*). מיין ליבסטען גרוס פאר דיר און פאר דיין ברודער ביל אויך.

(ריימאנד האט אויסגעזעהן צו זיין זעהר צופרידען, ווען מ'האט דערמאנט ביל'ן).

(דאס טישעל האט איצט ווי געוואלט זיך טוליען צו לײדי לאדזש'ס קניע און געמאכט אנגעשטרענגטע באוועגונגען אהין און צוריק און ס'האט אויסגעזעהן, אז ס'קען נישט גענוג נאהענט צוקומען צו איהר.

באלד האבען מיר פארשטאנען, אז ער וויל שוין געהן. מיר האבען איהם געפרעגט, אויב דאס איז אזוי. און ער האט געענטפערט: —)

י א.

(מיר האבען איהם געוואונשען „גוט נאכט" און נאכדעם ווי ער האט געגעבען צוויי איבעריגע ווינק דאס טישעל, ווי ער טוט עס שטענדיג פאר'ן אוועקגעהן, האבען מיר איהם נאכאמאל געזאגט „גוט נאכט" און אוועק.)

---

*) ס'איז דאן געווען נישט לאנג נאך ריימאנד'ס טויט, ווען דאס נייע לעבען אויף יענער זייט איז פאר איהם נאך געווען פרעמד און איבערראשענד.

טיש-זיצונג אין דעם אויפנאהם-צימער אין מאַריעמאַנט

9 אין אָוונט. מאָנטאג, 17 אפריל, 1915.

ראַפּאָרט פון ליידי לאַדזש

אינ'ם אויפנאהם־צימער, אין מאַריעמאַנט, שפּילט מוזיק. די מייד־לעך (פיער פון זיי) און אלעק (לאַדזש'ס א זוהן) זינגען ביי דער פּיאַנאָ. וואודי און האַנאַר און איך זיצען אין אנדערן ווינקעל פון צימער. לייאָנעל (לאַדזש'ס אַן אנדער זוהן) — אין דער גרויסער שטוהל.

די שעקספּיער־געזעלשאַפט, וועלכע איז פּאַרזאַמעלט אין הויז, פאַרברענגט ביי קאַווע אין עס־צימער, אַזוי אַז אָליווער לאַדזש איז נישט מיט אונז.

וואודי גלויבט, אַז ריימאַנד איז אין צימער און וואַלט וועלען הערען דאָס זינגען. נאָר האַנאָר מיינט, אַז ס'איז צו שפּעט אנצוהויבען מיט'ן טישעל.

אָבער, ווי שטענדיג, איז דאָס טישעל גרייט געווען לעבען דער פּיאַנאָ, און האַנאָר געהט צו דערצו; אין דעם אויגענבליק, וואָס זי ליינט ארויף די הענט אויף דעם, נעהמט זיך דאָס טישעל ווינגען. איך לייג אויך ארויף מיינע הענט.

מיר פרעגען, אויב ס'איז ריימאַנד און אויב ער האָט געוואָרט. ער ענטפערט: —

יאָ.

ס'האָט אויסגעזעהן, אַז ער וויל הערען די מוזיק. אַז אַ ליד, וואָס איז איהם געפעלען, האָט זיך געענדיגט, האָט ער זעהר דייטליך און אנט־שלאָסען אַפּלאָדירט.

לייאָנעל איז צוגעקומען און זיך געזעצט ביים טישעל מיט אונז. ס'האָט אויסגעזעהן ווי דאָס טישעל וויל שטעהן האַרט לעבען דער פּיאַנאָ. כאָטש מיר האָבען געזאָגט, אַז מיר וועלען עס צוריק אַפּשטופּען, איז טאַקע אַזוי געטון. אָבער דאָס טישעל איז צוריק צוגעשפּרונגען צו דער פּיאַנאָ, און זיך אנגעשלאָגען אָן פּריילין באַרבי'ן. וועלכע האָט געשפּיעלט

אויף דער פיאנא. אלעק, (וועלכער איז געזעסען לעבען איהר) האט זיך באשיצט מיט איינעם פון די שווארצע, זיידענע קישענס, אבער דאס טישעל האט נישט אויפגעהערט צו שפרינגען און געמאכט א לאך אין קישען.

ס׳טישעל האט זיך דאן אוועקגערוקט צו די ליידיגע ברעטער פון דעם דיל (פאדלאגע), וואו עס איז נישט געווען קיין דיוואן און די קלעפ פון טישעל האבען זיך געקענט לויטערער הערען.

ס׳האט אויסגעפונען א ווינקעל פון וואנט־געזימס, ארום זעקס צאהל פון דיל, וואו ס׳האט אנגעשפארט א פיסעל (ס׳האט געהאט דריי פיסלעך) און די אנדערע צוויי פיסלעך אויפגעהויבען אויף דערזעלבער הויך, אזוי האט עס געטון עטליכע מאל און ס׳איז געווען קענטיג, אז ס׳איז זעהר צופרידען מיט׳ן נייעם פארטעל.

דערנאך האט זיך ס׳טישעל אומגעלייגט אויפ׳ן דיל און אז מ׳האט עס געפרעגט, אויב מיר זאלען עס העלפען אויפהויבען, האט עס אויס־געקלאפט: —

נ י י ן.

אבער לייאנעל האט דאן געזאגט: נו, מייז האנט איז זעהר אין אן אומבאקוועמער פאזיציע, ועסטו מיך נישט לאזען אויפהויבען ס׳טישעל? ס׳טישעל האט גלייך דריי מאל אויסגעקלאפט:—

י א.

און מיר האבען עס אויפגעהויבען.

א. אלמי

אַ זיצונג פון סער אָליווער לאָדזש מיט דער מעדיום-פרוי, מאַדאַם לעאָנאַרד

(אויסצוגען)

אין דעם מעדיום'ס וואוינונג — פרייטאג, 3טער דעצעמבער, 1915
פון 6:10 ביז 8:20 אין אווענט.

(באמערקונג: ווען פרוי לעאנארד איז אין טראנס-צושטאנד דערוואכט אין איהר א גייסט פון יענער זייט — א קליין אינדיאניש מיידעלע מיט'ן נאמען פעדא. א. א—מי).

פעדא: — ער (ריימאנד) ווארט; ער זעהט-אוים זעהר צופרידען (דער מעדיום רעדט אמאל אין דער ערשטער פערזאן און אמאל אין דער דריטער פערזאן). ר'איז זעהר נייגעריג אייך צו דערצעהלען וועגען דעם פלאץ, וואו ער געפינט זיך; ער פארשטעהט נאך נישט אצונד ווי ס'קוקט אוים אזוי סאליד.

(פעדא פליסטערט שטיל — וואס זאגסטו? יא, פעדא ווייסט). ער האט לעצטענס זיך צוגעקוקט צו די פארשידענע סארטען מענשען, וואס קומען אריבער און צו דעם עפעקט, וואס עס מאכט אויף יעדען פון זיי.

א. ס'איז אינטערעסאנט, זאגט ער, — פיל מעהר ווי אויף דער אלטער ערד. כ'האב נישט געוואלט איבערלאזען דיך און די מאמע'ן און אלע נאהענטע, אבער ס'איז אינטערעסאנט. כ'וואלט וועלען איהר זאלט קענען אריבערקומען אויף איין טאג און מיט מיר דא פארברענגען. טייל-מאל קומט איהר אהער, נאר איהר קענט נישט געדענקען. זיי זענען אלע דא געוועזען מיט איהם ביינאכט אין אזוי איהר, אבער ער דענקט, אז ס'איז זעהר שווער איהר זאלט עס געדענקען. אויב איהר זאלט עס געדענקען, האט מען איהם געזאגט (ר'האט נאך נישט געוואוסט אליין, נאר מ'האט עס איהם געזאגט), וואלט דער מח נישט געקענט איבערטראגען די משא פון דער טאפעלטער עקזיסטענץ און וואלט געווען אומפעהיג פאר זיינע טעגליכע פליכטען; ס'ווערט דערפאר אפגעמעקט

פון געדעכעניש. דאס איז די דערקלערונג, וואס מ'האט איהם געגעבען.

סעקר אליווער לאדזש:— וויל ער עפעס זאגען וועגען זיין הויז, זיינע קליידער, אדער וועגען זיין קערפער?

א. יא, ער וויל עס אייך זאגען.

ער זאגט: מיין קערפער איז זעהר עהנליך צו דעם, וואס כ'האב געהאט פריהער. איך קנייפ איהם טיילמאל צו זעהן אויב ער איז א ממשות'דיגער, און דאס איז ער, אבער איך פיהל נישט קיין שטארקען וועהטאג, ווי בעת כ'האב געקנייפט דעם פלייש־קערפער. די אינוויינינגסטע ארגאנען, זעהט־אויס, זענען נישט צוזאמענגעשטעלט לויט דיזעלבע רעגעלען ווי פריהער. זיי קענען נישט זיין פונקט דיזעלבע. אבער אויסערליך זענען זיי אלצאיינס ווי פריהער.

א. פאראן איין זאך, זאגט ער, וואס כ'האב נאך דא נישט געזעהן — עמיצען בלוטען.

אליווער לאדזש:— וועט נישט געהן קיין בלוט פון קערפער, ווען מ'זאל איהם איינשניידען?

ער האט עס קיינמאל נישט פרובירט. אבער אזוי האט ער דארט נישט געזעהן קיין בלוט.

אליווער לאדזש:— האט ער אויערן און אויגען?

יא. יא, און ווייהעס און ברעמען, גענוי דיזעלבע, און א צונג און ציינער.

ער קען איינעם, וועלכער האט געהאט פארלוירען זיין ארם, אבער האט איצט אן אנדערן. יא, ער האט איצט צוויי ארעמס.

ס'האט אויסגעזעהן ווי ס'פעהלט איהם א גליד, ווען ער איז ס'ערשטע מאל אהער אריבערגעקומען, דער קערפער איז נישט געווען פאלקאם. אבער אביסעל שפעטער איז ער געווארען פאלקאמער און פאלקאמער, ביז ער האט געהאט א נייעם ארם.

אליווער לאדזש:— וואס איז מיט א גליד, וואס מ'האט פארלוירען אין שלאכט?

א. אויב זיי האבען דאס גליד פארלוירען נאר־וואס, איז נישט קיין אונטערשיד. ס'מאכט נישט אויס; ס'ווערט אלץ אין ארדנונג, ווען זיי

קומען אהער. מ'האט מיר געזאגט — עס ווייסט עס נישט אליין, נאר מ'האט'ז געזאגט — אז ווען עמיצער ווערט צוריסען אויף שטיקער, נעהמט עס א געוויסע צייט פאר דעם גייסט־קערפער צו ווערען קאמפלעקט, זיך צוזאמענשטעלען און צו זיין פאלקאם. דאס פארשוועכטע א געוויסע סומע שטאף, וואס איז, אהן צווייפעל, עטער, און דאס דארף זיך צוריק קאנצענטרירען. דער גייסט איז, נאטירליך, נישט צוריסען, — ער מיינט נישט האס, — אבער דאס האט אן עפעקט אויף איהם. ער האט דאס אלץ נישט געזעהן, אבער ער האט זיך דערפרעגט, ווייל ער איז פאראינטערעסירט אין דעם.

א ל י ו ו ע ר ל א ד ז ש :— וואס איז מיט קערפערס, וועלכע ווערען פארברענט?

א, אויב זיי ווערען פארברענט דורך א צופאל, אויב זיי ווייסען עס אויף ד ע ר ז י י ט, זונדערן זיי קודם אפ דעם גייסט. א „גייסט־דאקטאר", ווי מיר רופען עס, געהט אראפ און העלפט. אבער קיין קערפער זאל אבזיכטליך נישט פארברענט ווערען. מיר האבען טיילמאל געפערליכע צרות מיט מענשען, וואס זענען שנעל קרעמירט געווארען: דאס טאר נישט זיין. ס'איז א געפערליכע זאך; ס'האט מיך זעהר באזארגט. מענשען זענען אזוי נאכלעסיג. ס'זעהט אויס ווי די קרובים פון די געשטארבענע וואלטען טראכטען: „שנעל רייניגט זיי אראפ פון וועג, ווען זיי זענען טויט". נישט פאר זיבען טעג, זאגט ער. זיי זאלען נישט קרעמירט ווערען (פארברענט ווערען אין קרעמאטאריום) פאר זיבען טעג.

א ל י ו ו ע ר ל א ד ז ש :— אבער ווי איז, אז עס געהט שלעכט מיט'ן קערפער?

דאן איז דער גייסט שוין ארויס. אויב אזוי פיל — א שיבוש — גייסט איז איבערגעבליבען אין קערפער, הויבט ער נישט אן אפצושטארבען. אז איהר רעדט וועגען א פערזאן וואס „שטארבט־אפ", מיינט עס אז דער גייסט מאכט זיך פארטיג און פארלאזט בּיסלאכווייז דעם קערפער. ער (ריימאנד) האט אויפ'ן צווייטען טאג (ווען ער האט ערוואכט

אין דער גייסטער־וועלט) געזעהן ווי איינער איז (אויף דער ערד) צוגע־גרייט געווארען קרעמירט צו ווערען צוויי טעג נאכדעם ווי דער דאקטאר האט איהם דערקלערט פאר טויט. אז זיינע קרובים אויף רער זיט האבען וועגען דעם דערהערט, האבען זיי געבראכט א געוויסען דאקטאר פון אונזער זייט און זעהענדיג, אז דער גייסט איז נאך, ווירקליך, נישט ארויס פון קערפער, האבען זיי איהם מאגנעטי־זירט און איהם געהאלפען ארויסגעהן. ער גלויבט, אז דאס דארף געטון ווערען אין יעדען פאל. ער מיינט נישט. אז דער גייסט קומט ארויס פון זיין אייגענעם קערפער, אבער אן עסענץ קומט ארויס פון קערפער — פליסט ארויס, זאגט ער, און געהט אריין אין אנדערן קערפער, וואס ווערט דא צוגעגרייט. דאן געשטאלט עס זיך צוזאמען און ס'פארמירט זיך א דופליקאט פון דעם קערפער, וואס איז געבליבען אויף דר'ערד. דאס איז זעהר אינטערעסאנט.

(באמערקונג פון סער אליווער לאדזש:— כ'בין זיך מודה, אז איך רעכען, אז פעדא האט א גרויסען אויסוואהל פון דעם, מעגליך, אז איג־נאנצען. פון מענשען, וואס האבען געלעזען אדער פארפאסט ביכער (וועגען דעם לעבען פון די גייסטער.) אבער אזוי ווי איהרע אנדערע אויסזאגונגען זענען אפט איבערצייגענד באוויזען געווארען, פיהל איך, אז איך האב נישט קיין רעכט איבערצו־קלייבען: ספּעציעל, ווען איך ווייס גארנישט וועגען דעם).

די מיטטיילונג ווערט פארטגעזעצט:

ער (רייסאנד) האט דערצעהלט לייאנעל'ן (זיין ברודער — בעת א סעאנס) ווי ער האט אין דער ערשטער צייט געוואלט אן אנצוג. ער האט נישט גערעכענט, אז ס'איז דארט מעגליך צו שאפען אזא אנצוג.

אליוועד לאדזש:— יא, כ'ווייס, לייאנעל האט אונז געזאגט, אז דו האסט אין אנהויב געוואלט אן אנצוג, אז ס'זאל זיין מעהר עהנליך צו דיינע אלטע קליידער, און אז זיי האבען דיך דארט נישט געצוואונגען אנצוטון די נייע, נאר דיך געלאזט אנהויבען מיט דעם אלטען מארט קליידער, ביז דו וועסט זיך צוגעוויינען צום פלאץ.

יא, זאגט ער (רײמאָנד), זײ האָבען מיך נישט געגײט, אָבער די מעהרסטע מענשען דאָ טראָגען ווײסע כאַלאַטען.

אַ ל י ו ו ע ר ל א ד ז ש :— קענסטו מיר זאָגען דעם אונטערשיד צווישען מענער און פרויען דאָרט?

דאָ זענען פאַראַן מענער און ס'זענען פאַראַן פרויען. איך גלויב נישט אויב זײ האָבען דיזעלבע באַציהונג אײנע צו די אַנדערע, ווי אויפ'ן ערד־פּלאַנעט, אָבער ס'זעהט־אויס, אַז זײ האָבען דיזעלבע געפיהלען אײנע צו די אַנדערע, נאָר ס'דריקט זיך אויס אויף אַן אַנדער אופן. נאַטירליך, קײן קינדער ווערען דאָ נישט געבוירען, דאָס ווערט געלאָזען פאַר די ערדישע. אָבער ס'איז דאָ פאַראַן אַ געפיהל פון ליבע צווישען מענער און פרויען, וואָס איז פון אַ באַזונדער קוואַליטעט ווי, למשל, צווישען מאַנסביל און מאַנסביל און צווישען צווײ פרויען; מאַן און פרוי באַגעגענען זיך דאָ אַנדערש ווי מוטער און זוהן אָדער פאָטער און טאָכטער.

אַ ל י ו ו ע ר ל א ד ז ש : — רײמאָנד, האָסט מיר געהאַט געזאָגט, אַז דײן הויז (אויף יענער זײט) איז געמאַכט פון שטײנער. ווי קען עס זײן? פון וואָס זענען די שטײנער געמאַכט?

אַט דאָס האָט ער נאָך נישט אויסגעפונען. אײניגע האָבען איהם געזאָגט, אַז זײ זענען געמאַכט פון אַ סאָרט עמאַנאַציעס פון דער ערד. ער זאָגט, אַז עטוואָס הויבט זיך כסדר אויף פון דער ערד, ווי אָטעמען, וואָס פּרעסט זיך צוזאַמען, בעת עס גרײכט אַהער; ס'איז נישט סאָליד ווען עס גרײכט אונז, אָבער מיר קענען עס אויפזאַמלען און קאָנצענט־רירען — כ'מײן די, וואָס זענען מיט מיר. זײ מאַכען דעם אײנדרוק פון שטײנער און ווען כ'האָב זײ אָנגעריהרט, האָב איך געפיהלט שטײנער; איך האָב געזעהן גראַניט אויך.

יא, עפּעס הויבט זיך כסדר פון אײער פּלאַנעט; פּאַקטיש אומזיכט־באַר — אַלס אָטעמען, ווען עס פאַרלאָזט אײער ספּערע — אָבער ווען עס גרײכט דעם עטער, געווינט עס אײניגע אַנדערע קוואַליטעטען און אין דער צײט, וואָס עס דערגרײכט אונז, נעהמען עס טײל מענשען און

פאבריצירען דערפון סאלידע זאכען, פונקט ווי איהר קענט פאבריצירען סאלידע זאכען.

דו ווייסט ווי בלומען פארוועלקען. מיר האבען דא בלומען ; אייערע פארוועלקטע בלומען בליהען ביי אונז ווידער — פרעכטיגע בלומען. לילי האט מיר געהאלפען מיט בלומען.

אליווער לאדזש: — האסט זי ליב ?

יא. אבער ר'האט ניט דערוואוסט זי דארט צו זעהן. ר'האט מורא, אז ר'איז נישט געווען זעהר איידעל צו איהר. ווען ער האט זי צום ערשטען מאל דא באגעגענט ; ער האט דא נישט דערוואוסט קיין דערוואקסענע שוועסטער. בין איך א קליין ברידער'ל. האט ער געזאגט. אדער זי איז מיין קליין שוועסטער'ל ? ער פיהלט ארום זיך א מיסטעריע: ער האט געוואוסט, אז ער האט דא א ברודער, אבער פאראן זענען דא צוויי ברידער. איז עס מעגליך, זאגט ער, אז ער האט געהאט נאך א ברודער — אזעלכען, וואס האט אינגאנצען נישט געלעבט ?

אליווער לאדזש :— יא, דאס איז מעגליך.

(ריימאנד'ס א ברודער איז געשטארבען אין קימפעט).

אבער ער זאגט, אז קיין ערדיש לעבען לחלוטין נישט. כ'האב געזעהן איינעם. אויף וועלכען מ'האט מיר געזאגט, אז ער איז מיין ברודער. נאר כ'קען דאך איהם נישט דערקענען. קען איך ? איך פיהל זיך נעהנטער צו לילי'ן. ווי צו איהם. כ'וועל זיך יעדענפאלס מיט איהם נעהנטער באקענען.

אליווער לאדזש :— זעהסטו די שטערן ?

יא. ער זעהט די שטערן. די שטערן זעהען איהם אויס ווי פריהער, נאר ער פיהלט זיך נעהנטער צו זיי, נישט אקוראט נעהנטער, אבער זיי זענען פאר איהם העלער.

אליווער לאדזש :— זענען זיי גרופירט אויפ'ן זעלבען אופן ? זעהסטו דעם „גרויסען בער", צומביישפיעל ?

א, יא. ער זעהט דעם „גרויסען בער". נאך א זאך קומט איהם פאר מיסטעריעז : ער קען נישט אונטערשיידען צווישען טאג און נאכט, ווי אויף דער ערד.

א ל י ו ו ע ר ל א ד ז ש :— אבער איך גלויב, אז הו זעהסט די זון?

יא. ער זעהט די זון; אבער ער פיהלט אלעמאל דעם זעלבען גראד ווארעמקייט. ער פיהלט נישט קיין היץ און קיין קעלט, וואו ער איז. די זון מאכט איהם נישט אומבאקוועם היים. דאס איז נישט, ווייל די זון האט פארלוירען איהר היץ, נאר ווייל ער האט נישט דעם אייגענעם קערפער. וואס איז פיהלבאר פאר היץ, ווען ער קומט אין באריהרונג מיט דער ערד־ספערע, און מאניפעסטירט. דאן פיהלט ער אביסעל קאלט אדער ווארעם — מעהרסטענס איז דאס בעת א מעדיום איז אנוועזענד — נישט ווען ער קומט אויפ'ן איינפאכען וועג בלויז ארומצוקוקען זיך.

א ל י ו ו ע ר ל א ד ז ש :— דו האסט מיר געוואלט געבען ב א ו ו י י ז ע ן. וואסערע באווייזען, רעבענסטו, וועלען זיין די בעסטע? האסטו דאס איבערגערעדט מיט ה' מייערס'ן (דער פאר־שטארבענער ענגלישער געלערנטער פרעדריק מייערס) און האסטו באַשטימט וועלכע באווייזען ס'וועלען זיין די איבערצייגענדסטע?

איך ווייס נאך נישט איצט. איך האב אויסצוקלייבען צווישען צוויי וועגען: איין וועג איז, דיר צו געבען אביעקטיווע באווייזען, אזעלכע ווי געוועהנליכע מאטעריאליזירונגען און א דירעקטע שטים, וועלכע דו וועסט קענען אויספראבירען. אדער געבען דיר אינפארמאציע וועגען מיינע פארשידענע ערפארונגען דא, ווי דערצעהלען דיר וואס איך טו איצט. אבער ער ווייסט נישט אויב ס'איז פאר איהם מעגליך צו טון צוויי זאכען צוזאמען.

א ל י ו ו ע ר ל א ד ז ש :— ניין, נישט צוזאמען, נישט אין דערזעלבער צייט. נאר — דו קענסט דערצעהלען מעהר וועגען דיין לעבען דארט.

יא, דערפאר זאמעלט ער אינפארמאציע. ער וויל אזוי דערמוטיגען מענשען זיך מעהר צו אינטערעסירען מיט'ן לעבען, וועלכעס זיי וועלען זיכער הארבען אמאל לעבען, און פארשטעהן, אז דאס איז א ראציאנאל לעבען. כ'וויל דא שטודירען א מאסע זאכען. וועט עס נישט קלינגען

עגאאיסטיש. ווען כ'וועל זאגען, אז כ'וואלט זיך איצט נישט געוואלט אומקעהרען צו אייער לעבען? — כ'וואלט דאס איצטיגע לעבען נישט אויפגעגעבען פאר קיין זאך אין דער וועלט. באטראכט דאס נישט פאר עגאאיסטיש, אדער אז איך וואלט וועלען אינגאנצען אוועק פון אייך אלעמען. איך בין נאך מיט אייך פארבונדען, ווייל איך פיהל אייך אזוי נאהענט, נעהנטער אפילו ווי פריהער.

ער זאגט, אז ר'איז געווען מזל'דיג, ווען ער איז אהער אריבערגעקומען, ווייל אזוי פיל פריינד האבען איהם באגעגענט. ער ווייסט איצט, אז דאס איז דערפאר, וואס דו ביסט אזוי לאנג אריינגעטון אין ספיריטואליזם. ס'איז געווען אומהיימליך בעת זיי (זיינע פריינד דארט) זענען אריבערגעקומען און וואכען־לאנג זיך נישט געוואלט גלויבען, אז זיי לעבען שוין מעהר נישט אויף דר'ערד — זיי האבען גערעכענט, אז זיי חלום'ען. באלד אין אנהויב, ווען ער (ריימאנד) האט זיך דארט אויפגעכאפט, האט ער זיך אויך געפיהלט אביסעל דערשלאגען, אבער ס'האט נישט לאנג אנגעהאלטען. ער האט געווארפען זיינע אויגען ארום און ארום און ס'האט איהם גלייך אויפגעהערט צו ארגען. נאר ס'האט זיך איהם אלץ אויסגעוויזען ווי איינעם, וואס כאפט זיך אויף אין א פרעמד פלאץ, אין א פרעמדער שטאדט, ארומגערינגעלט מיט אומבאקאנטע מענשען, אדער אזעלכע, וואס מ'האט שוין א לאנגע צייט נישט געזעהן.

אַ זיצונג פון אַלעק לאַדוש (אַליוועה לאַדוש׳ס אַ זוהן) מיט דער פרוי־מעדיום מאַדאַם לעאָנאַרד

(אויסצוגען)

דינסטאַג, דעם 21טען דעצעמבער, 1915
פון 3:15 ביז 4:30 נאַכמיטאַג.

פ ע ד א :— ער (רוימאַנד) זאַגט, אַז ער פיהלט אויסגעצייכענט גוט; ר׳האָט נישט געגלויבט, אַז ס׳איז מעגליך אַזוי גוט צו פיהלען.

ער האָט דאַ געוואַרט, געוואוסט, אַז דו קומסט, אָבער גערעכענט, אַז ס׳וועט דיר נישט מעגליך זיין היינט צו קומען (די באַהן האָט זיך פאַרשפּעטיגט אויף אַ האַלבער שעה.)

ביסטו געווען אויפמערקזאַם צו דעם, וואָס ער האָט דערצעהלט וועגען דעם פּלאַץ, וואו ער געפינט זיך?

אַלעק — יאַ, אָבער ס׳קוקט מיר אויס זעהר שווער צו פאַרשטעהן.

ער זאָגט, אַז ס׳איז אַזאַ סאָלידער פּלאַץ, כ׳בין עס נאָך נישט איינ־גאַנצען אויסגעווען. ס׳איז אַזוי וואונדערבאַר רעאַל.

ער האָט זיין פאָטער דערצעהלט וועגען אַ טייך; ר׳האָט נאָך נישט געזעהן דעם ים, ר׳האָט געפונען וואַסער, נאָר ער ווייסט נישט אויב ער וועט געפינען אַ ים. ער מאַכט איצט יעדען טאָג אַנטדעקונגען, אַזוי פיל נייאינקייטען, נאַטירליך נישט פאַר די, וואָס זענען שוין דאָ אַ לענגערע צייט.

ער איז מיט זיין זיידען און אויך מיט איינעם ריטשאַרד אַריין אין אַ ביבליאָטעק און די ביכער דאָרט זעהען אויס ווי די, וואָס איהר לעזט. אויסערגעוועהנליך איז אָט וואָס: ער האָט דאָרט געזעהן ביכער, וואָס זענען נאָך נישט פּובליקירט געוואָרען אויף דער ערד. מ׳האָט איהם געזאָגט— בלויז געזאָגט, ער ווייסט נישט אויב דאָס איז קאָרעקט — אַז אָט די ביכער וועלען שפּעטער פּובליקירט ווערען; זייער אינהאַלט וועט אָפּגעפּרעסט ווערען אויף אַן אויטאָר׳ס מח — אויף דער ערד־ספערע.

ער האט מיט זיך געבהאכט ליליץ און וויליאם׳ן (איינעם פון די ברידער).

א ל ע ק: — פעדא, וועסטו פרעגען ריימאנד׳ן אויב ס׳וועט איהם נישט ארען כ׳זאל איהם שטעלען פראגען?

יא. מיט פארגעניגען, זאגט ער.

א ל ע ק: — מיט א שטיקעל צייט צוריק האט ריימאנד געזאגט, אז ער האט באזוכט די מאמען. די מאמע וואלט צופרידען געווען צו וויסען, אויב ער קען זאגען; וואס זי האט געטון בעת ער איז ביי איהר געווען. בעט ריימאנד׳ן ער זאל זיך דאס פרובירען דערמאנען.

יא, יא, זי האט געהאט אביסעל וואל און א שער; זי האט געהאלטען א גלייך שטיק צייג און איבער דעם געארבייט. ער ווייזט מיר, אז זי האט מיט דער שער געשווירען דעם וואל.

אז אנדער מאל (בעת דער גייסט האט באזוכט זיינע עלטערן׳ס הויז), איז זי געלעגען אין בעט.

ער קומט אפט בעת איהר זענט אין בעט.

ער האט פרובירט הויך אויסצושרייען; ער האט גערופען „אלעק! אלעק!“ אבער ר׳האט נישט געקריגען קיין ענטפער. אט וואס ס׳ארט איהם. ער גלויבט, אז ער האט געשריגען, אבער ס׳ווייזט־אויס, אז ער האט אפילו נישט פאראורזאכט קיין שעפטשעריי.

א זיצונג פון ליידי לאַדזש מיט דער פרוי-מעדיום מאַדאַם לעאָנאַרד

(אויסצוגעז)

פרייטאג, דעם 4טען פעברואר, 1916.
פון 8:30 ביז 11:10 אין אווענט.

פעדא: — ריימאַנד איז דא. ער איז מיט פּאַול'ן (זיינער א פריינד, וועלכער איז געשטאָרבען אַ שמיקעל צייט פריהער פאר איהם) אויסגעווען אומעטום (אויף דער ערד ספערע), און באזוכט די מעדיומס אין פארשידענע געגענטען, כדי עפּעס צו טון פאר די יונגעלייט (אויף יענער זייט) און זיי ברענגען אין פאַרבינדונג מיט זייערע מוטערס. טייל זענען זעהר איימפּערזיבטיג אויף די, וועמען דאס איז געלונגען. ס'נעהמט-אַן אַ צער צו קוקען אויף זיי. מיר דערקלערען דאס דערמיט, וואס זייערע מוטערס און פאטערס ווייסען נישט וועגען קאָמוניקאציע. זיי פרעגען: פאַרוואס געהען זיי נישט אַלע צו מעדיומס?

ריימאַנד זאגט: דאס וואונדערט מיך אויך.

ער האט דערצעהלט וועגען איינער, וואס איז גלייך ארויפגעשטיגען צו זעהר א הויכער ספערע, אזוי הויך ווי ס'איז נאר מעגליך. ער זאגט, אז זיין ברודער וויליאם איז אויך דארט ארויף, א ווייטער וועג, אבער נישט צו וויים צו איהם צו קומען.

דאן ווערסטו דא פאראייניגט מיט די, וועמען דו האסט ליעב. די, וועלכע דו האסט נישט ליעב, באַמיהסטו זיך אפילו נישט צו באגריסען, ווען דו באגעגענסט זיי אין גאס.

ליידי לאדזש: — דארט זענען, הייסט עס, פאראן גאסען?

יא. ער איז געווען צופרידען צו זעהן גאסען און הייזער.

אַמאָל האב איך געמיינט, אז דאס איז מסתמא באשאפען געווארען מיט עמיצנ'ס געדאנק. דו ווערסט דא צוגעצויגען צו אַ פּלאַץ, פאר וועלכען דו פּאַסט. מוטער, דא איז נישט פאראן קיין ריכטער אָנן קיין

זשורי, נאר דו ווערסט צוגעצויגען, גלייכס צו גלייכס, יעדער צו זיינס גלייכען.

טייל מענשען פרעגען מיך: ביסטו צופרידען מיט דעם פלאץ, וואו דיין קערפער ליגט? איך זאג זיי, אז ס׳ארט מיך אויף קיין האר נישט, כ׳האב איצט קיין זארג נישט וועגען מיין קערפער. ס׳איז ווי אן אלט מאנטעל. וואס כ׳האב שוין אויסגעטראגען. כ׳וויל נישט קיין בלומען אויף מיין קבר. בלומען אין הויז, אין ריימאנד׳ס היים.

אַ זיצונג פון סער אָליווער לאָדזש מיט דער מעדיום-פרוי מאַדאַם לעאָנאַרד

(אויסצוגען)

פרייטאג, דעם 28טען יאנואר, 1916.

פעדאַ:— ער זאגט, אז מאַסען מענשען דאַרט זאגען, אז די וועסט איז דער צייט פון דער מלחמה אויפטון די וואונדערבאַרסטע ארבייט פון דיין לעבען. מענשען זענען איצט גרייט זיך צוצוהערען. פריהער זענען זיי געווען פארנומען מיט צופיעל זאכען און נישט געקענט טראכטען וועגען דעם; אבער אצונד איז עס א גרויסע זאך צו טראַכטען וועגען דעם לעבען נאָכ'ן טויט.

איך וויל, אז דו זאָלסט וויסען, אז אין אנהויב, ווען איך בין אהער אריבערגעקומען, האב איך עס געהאַלטען פאר אומגערעכט, אז אזוי פיל יונגעלייט זאָלען אריבערקומען אין דער בליהענדער צייט פון לעבען. נאָר איצט זעהר ער, אז פאר יעדען איינעם, וואס קומט אריבער, עפּענען צעהנדליגער מענשען זייערע אויגען און זיי ווילען וויסען וואוהין ער איז געגאַנגען. זיי ווילען עס וויסען דירעקט, זיי הויבען עפּעס אַן צו פארשטעהן. טייל פון זיי האבען פריהער זיך קיינמאָל נישט ערנסט פארטראַכט וועגען דעם. „ער מוז ערגעץ זיין”, — זאגען זיי — „ער איז געווען פול מיט לעבען; קענען מיר אויסגעפינען?” דאָן זעה איך, אז דורך דעם הויבען מענשען אַן אויסצוגעפינען, נישט בלויז פאר זיך אליין. וויל האָס, וואס זיי געפינען אויס, ווערט אויך פארשפּרייט צווישען אנדערע.

ער וויל אייך זאגען, אז ה' פּרעדריק מייערס זאגט, אז אין צעהן יאָהר שפּעטער וועט די וועלט זיין גאַנץ אנדערש. ער זאגט, אז ארום פופציג פראצענט פון ציוויליזירטען טייל פון ערד־קוגעל וועט זיין ספּי־ריטואַליסטיש, אדער נאָהענט דערצו.

אַ זיצונג מיט מאַדאַם לעאָנאַרד

(אויסצוגען)

פרייטאג, דעם 24טען מערץ, 1916: פון 5:45 ביז 8 אווענט.
(אנוועזענד אליווער לאדזש און זיין פרוי).

ראפּאָרט פון אליווער לאדזש

פעדא:— ער איז געווען אין א פלאץ, העכער פון דעם פלאץ, וואו ער איז. ער האט באזוכט פארלעזונגען איז, ווי זיי רופען עס, „לערן־זאלען”: דו קענסט זיך פארבארייטען צו א העכערער ספערע בעת דו ביסט אין די נידעריגערע.

וועט עס אייך אינטערעסירען צו וויסען וועגען איינעם פון די פלעצער. וואו ער איז געווען? ס'איז פאר איהם אזוי אינטערעסאנט.

ער איז אריין אין א פלאץ, וועלכעס איז, ווי ער רעכענט, געמאכט פון אלבאסטער. ר'איז נישט זיכער אויב דאס איז טאקע אזוי, נאר אזוי זעהט עס אויס. ס'קומט־אויס ווי א סארט טעמפעל — א גרויס טעמפעל. גרויסע מאסען מענשען האבען זיך אהין געצויגען, און זיי האבען אויסגעזעהן זעהר גליקליך. ווען ער איז אויסגעמישט געווארען מיט דעם עולם, וואס איז אריין אין טעמפעל, האט ער געפיהלט ווי — ווי ער וואלט געטרונקען צופיל שאמפאניער — דאס איז, ווייל ער איז נישט צוגעוויינט צו די באדינגונגען אויף יענער ספערע. ס'איז אן אויסער־געוועהנליך געפיהל. ער איז אריינגעגאנגען און געזעהן, אז די געביידע איז אינוועניג אינגאנצען ווייס. דארט זענען געווען א סך פארשידענע ליכט: ס'האט אויסגעוויזען ווי טייל פלעצער זענען באדעקט מיט רויט און... ס'איז געווען בלא, און דער צענטר איז געווען באדעקט פון אראנזש קאליר. ס'זענען נישט געווען אקוראט די קאלירען, וואס ווערען גערופען מיט אט די נעמען, נאר אזעלכע זיכטבארע שאטענס. ער האט געוואלט זעהן פון וואנען דאס ליכט קומט און דאן באמערקט, אז א סך פון די פענסטער זענען אומגעהייער גרויס און די שויבען זענען פון די קאלי־

רען. ער האט געזעהן, אז א סך מענשען ווילען דוקא שטעהן אין דעם ראזען ליכט, וואס פאלט פון די רויטליכע שויבען; אנדערע ווילען דוקא שטעהן אין דעם בלאען און אנדערע ווילען זיך געפינען אין דעם אראנזש אדער געלען ליכט. ער האט געקלערט: „צוליעב וואס טהוען זיי דאס?" און מ'האט איהם דערקלערט דעם עפעקט, וואס יעדע פון די ליכט־קאָלירען האט. דער פיהרער האט איהם געזאגט, אז דער כח פון קאלירען איז וויכטיגער ווי די מענשען פון דר'ערד וויסען, און אז מיט דער צייט וועט געמאכט ווערען א שטודיום וועגען עפעקט פון די פארשידענע ליכט.

זיי האבען זיך אוועקגעזעצט און געהערט, און די ערשטע טייל פון דער צערעמאָניע איז געווען אין דער פארם פון א פארלעזונג, אין וועלכער איינער פון די פיהרער האט קלאר געמאכט ווי צו לערנען אנדערע אין די נידעריגערע ספערען און אויף דער ערד, מעהר זיך אריינצוטון אין גייסטיגען לעבען בעת זיי זענען נאך אויף די נידעריגע ספערען. ער (ריימאנד) האט נישט בלויז פארנומען דעם רעדנער'ס ווערטער, נאר דעם געדאנק — גאנצע זאצען אויף אמאל, אנשטאט איינצעלנע ווערטער, מ'האט זיי געגעבען לעקציעס וועגען קאנצענטראציע. ער האט געפיהלט ווי עפעס טיילט זיך אפ פון איהם, געהט דורך די אנדערע ספערען צו דער ערד, און העלפט עמיצען, כאטש ער האט נישט גע־וואוסט וועמען. ער קען נישט איבערגעבען ווי וואונדערבאר דאס איז געווען: נישט איינמאל האט ער דאס געפיהלט — עטליכע מאל.

בריף *)

וואס אויטאמאטיש שרייבען מיינט, האב איך שוין דערקלערט און אויך געבראכט פאר א ביישפיל וויליאם סטעד'ן, וועלכער איז געבענשט געווען מיט דערדאזיגער מעדיומשער אייגענשאפט: איצט וויל איך ברענגען א סעריע בריף, וואס זענען פון יענער זייט דיקטירט געווארען צום מעדיום, פריילין עלזא בארקער פון לאנדאן, ענגלאנד.

פריילין בארקער גיט אן, אז די פערזאן, פון וועלכען זי האט באקומען די בריף, איז בעת'ן ערדישען לעבען געווען א גוט־באוואוסטער אדוואקאט. סטודענט פון פילאזאפיע און רייזענדער. ער איז געשטארבען אין די פאראייניגטע שטאטען פון אמעריקע, און פריילין בארקער, וועלכע האט איהם פערזענליך נישט געקענט, האט פון איהם דערהאלטען די ידיעה וועגען זיין טויט בעת זי איז געווען אין פאריז און קיינער האט נאך נישט געהאט געוואוסט, אז ער איז געשטארבען.

איך וועל איבערגעבען די בריף נישט אין דער ארדנונג ווי פרל. בארקער האט זיי איבערגענומען און פארעפענטליכט, נאר לויט אן אייגענער נומעראציע און פארקירצט.

אין דעם ערשטען בריף, וואס פרל. בארקער האט אויטאמאטיש אנגעשריבען, שרייבט דער גייסט:

---

*) פארשטעהט זיך, אז קיינער איז נישט געצוואונגען צו ווערען „איבערצייגט'' אין יעדער איינצעלהייט פון די בריף; איך האב מעהר־סטענס געזוכט צו ברענגען ערפארונגען פון אזעלכע פערזענליכקייטען ווי לאדזש, היל און אנדערע געלערנטע, וואס זענען אלגעמיין באקאנט, אבער די בריף פון פריילין בארקער, וועלכע איז באוואוסט אין די ספיריטואליסטישע קרייזען מיט איהרע מעדיומשע אייגענשאפטען, זענען פון א געוויסען שטאנדפונקט אינטערעסאנט — אפילו אלס דיכטונג — און ס'איז כדאי די לעזער זאלען זיך מיט זיי באקענען.

א. א.

ו־טער בריף

איך בין דא, האב נישט קיין טעות.

דאס בין איך געווען, וואס האט פריהער צו דיר גערעדט, און איצט רעד איך ווידער.

כ'האב געהאט א וואונדערבארע ערפארונג. א סך, וואס כ'האב געהאט פארגעסען, געדענק איך איצט אויף ס'ניי.

איך קען אייך זעהן, כאטש נישט זעהר דייטליך.

איך האב דא נישט באגעגענט קיין פינסטערניש. דאס ליכט איז דא וואונדערפאר, א סך וואונדערבארער ווי די זון פון דרום (אמעריקע?).

ניין, כ'קען נישט אצונד זעהן זעהר גוט דעם וועג ארום פאריז: אלץ איז אנדערש. ס'איז מסתמא אייער אייגענע וויטאליטעט. וואס מאכט מעגליך, אז איך זאל אייך אין דעם מאמענט קענען זעהן.

2־טער בריף

איך בין איצט קענענאיבער אייך, פונקט אייך אין פנים, ליגענדיג אויף עפעס. וואס איז ווארשיינליך, א בעט אדער א קאנאפע.

איך בין איצט שטארקער. ס׳איז נישטא וואס מורא צו האבען פאר אט דער ענדערונג אין די באדינגונגען.

איך קען אייך אצונד נישט זאגען ווי לאנג איך בין געווען באוואוסטלאז. ס׳האט אויסגעזעהן נישט לאנג.

דער לעהרער האט מיר געהאלפען מאכען דורך אייך די פארבינדונגען מיט דער ערדישער וועלט.

בארגט מיר צייטענווייז אייער האנט. איך וועל זי נישט מיטברויכען.

זאכען זעהען מיר איצט אויס פיל לייכטער ווי זיי האבען מיר א לאנגע צייט אויסגעזעהן. איך וואלט זיך געקענט לענגער האלטען אין קערפער. אבער ס׳איז נישט ווערט געווען די אנשטרענגונג.

איך האב געזעהן דעם לעהרער. ער איז נאהענט. זיין הילף איז פאר מיר זעהר נייטיג.

אבער איך מוז איצט געהן. א גוטע נאכט.

3־טער בריף

אין א צייט ארום וועל איך אייך באקענען מיט דעם וויסען, וואס איך האב דא דערגרייכט זינט איך בין אהער געקומען. איך זעה איצט די פארגאנגענהייט ווי דורך אן אפען פענסטער.

אלץ זעהט איצט אויס לייכט. כ׳קען טון טאפעלט ארבעט ווי איך טו — אזוי שטארק פיהל איך זיך.

כ׳האב זיך דערוויייל נאך אין ערגעץ נישט איינגעפונדעוועט, איך רייז ארום, וואו די אויגען טראגען מיך; דאס איז, וואס כ׳האב גע׳חלומ׳ט בעת כ׳ביז נאך געווען אין ערדישען קערפער, אבער עס קיינמאל נישט געקענט אויספיהרען.

שרעקט אייך נישט פאר׳ן טויט; אבער זייט אויף דער ערד אזוי לאנג ווי איהר קענט.

אלדינג איז מיט מיר אמבעסטען.

כ׳וועל אייך דערצעהלען זאכען, וואס זענען נאך קיינמאל נישט דערצעהלט געווארען.

4־טער בריף

מיין פריינד, ס'איז גארנישט דא וואס מורא צו האבען פאר'ן טויט. ס'איז נישט שווערער ווי א רייזע צו א פרעמד לאנד — די ערשטע רייזע פון איינעם, וואס איז זיך שוין איינגעזעסען און זיך צוגעפאסט צו די געוועהנהייטען פון זיין מעהר־ווייניגער אייגען ווינקעלע אויף דער וועלט.

ווען א מענש קומט דא אריבער, זעהען איהם אויס די פרעמדע, וואס ער באגעגענט דא, נישט פרעמדער ווי יענע, וועלכע ער טרעפט־אן אין וועלכעס־ס'איז אויסלענדישען לאנד, וואוהין ער קומט ס'ערשטע מאל. נישט אלעמאל פארשטעהט ער זיי: ער מאכט דארט דורך די־זעלבע ערפאהרונגען, וואס א רייזענדער אין א פרעמדער געגענד: אין א צייט שפעטער ווערט ער היימישער און זיינע אויגען הויבען־אן שמייכלען. די פראגע „פון וואנען זענט איהר?" קלינגט איהם דא אזוי ווי אויף דער ערד. אזוי איז בעת מיר טרעפען זיך אויף די הויכוועגען פון'ם וואנדער; דא זענען פאראן וואנדער־שטעגען, וואו די נשמות גע־הען ארויף און אראפ, ווי אויף דער ערד. אזא וועג איז מעהרסטענס די דירעקטע ליניע צווישען צוויי גרויסע צענטרען.

מיר קענען דא הערען די קולות פון דער ערד: די קולות מאכען ציטערן דעם עטער, וועלכער ברענגט צו אונז די וויבראציע פון די קולות.

דא זענען פאראן פוילענצער און נאראנים פונקט ווי ביי אייך. דא זענען אויך פאראן דימענטענע און אנציהענדע מענשען, מיט וועלכע ס'איז א פארגעניגען צו פארברענגען.

היץ און קעלט ארט מיך איצט נישט. אין אנהויב האב איך גע־פיהלט א ביסעל אומבאקוועם פון קעלט. אבער דאס איז שוין אריבער.

5־טער בריף

איך האב אייך אמאל געזאגט, אז דא איז נישט פאראן קיין זאך, וואס האט נישט עקזיסטירט אויף דער ערד. זינט דאן האב איך אויסגעפונען, אז דאס איז נישט אינגאנצען ריכטיג. איך גלויב נאך אצונד, אז אויף די נידעריגסטע שיכטען, נאהענט צו דער ערד, האבען אלע, אדער כמעט אלע עקזיסטירענדע זאכען עקזיסטירט אין פיזישען שטאף אויף דער ערד. געהסטו אביסעל העכער ארויף, אביסעל ווייטער אוועק — ווי ווייט קען איך נישט אקוראט זאגען — איז עס שוין גאנץ אנדערש. איך האב באזוכט די וועלט פון מוסטערן, מוסטערן פון זאכען, וואס וועלען אמאל זיין אויף דער ערד. איך האב געזעהן פארמען פון זאכען, וועלכע, אויף וויפיעל איך ווייס, האבען נישט עקזיסטירט אויף אייער פלאנעט — ערפינדונגען, צומביישפיל. כ'האב געזעהן פליגלען, וואס מ'קען צוהעפטען צו זיך. כ'האב אויך געזעהן נייע פארמען פליה־מאשינען. כ'האב געזעהן מאדעל־שטעדט און מויערן מיט מאדנע פליגעל־עהנליכע פראזשעקטארס, וועמעס נוצען כ'האב נישט געקענט פארשטעהן.

איך וועל נאכאמאל באזוכען די מוסטערן־וועלט און זעהן, אויב איך קען די זאכען דארט בעסער פארשטעהן.

האט דאס אין זינען: איך דערצעהל אייך מעהרסטענס געשיכטעס, ווי אן ערדישער רייזענדער וואלט זיך אויסגעדריקט, וועגען זאכען, וואס איך זעה. טיילמאל קען מיין אויסטייטשונג זיין פאלש.

6־טער בריף

איך וויל עפּעס זאָגען יענע, וועלכע זענען נאָהענט פון טויט. איך וויל זיי בעטען, אז זיי זאָלען פאַרגעסען זייערע ערדישע קערפּערס אזוי שנעל ווי מעגליך, נאָך דער ענדערונג, וואָס זיי רופען „טויט".

אַ. די געפערליכע קוריאָזיטעט צוריקצוגעהן און באַקוקען די זאַך, אויף וועלכער מיר האָבען אַמאָל געמיינט, אז ס'איז אונזער גאַנצער „איך". דער געדאַנק קומט צו אונז מיט אַזאַ קראַפט, אַז ער שטויסט אונז געגען אונזער ווילען צום ערדישען קערפּער.

הייסט זיי דאָס איינגאַנצען צו פאַרגעסען, אָוועקצושטופען פון זיך דעם געדאַנק, אַריינצוטרעטען אין נייעם לעבען פריי. צוריקצוקוקען צו דער פאַרגאַנגענהייט איז אַפּטמאָל אַ מעלה, אָבער נישט צום ראַזיגען טייל פון דער פאַרגאַנגענהייט.

ס'איז אזוי גרינג אַריינצוקוקען אין ארון (טויטען־קאַסטען). וויל דער גייסטיגער קערפּער, וואָס מיר טראָגען איצט, איז ווי אַ ליכט און קען אַדורכדרינגען פיזישע געגענשטאַנדען. איך בין אַליין אויך עטליכע מאָל צוריקגעגאַנגען (באַטראַכטען דעם ערדישען קערפּער), אָבער איך בין באַשלאָסען מעהר נישט צוריקצוגעהן.

איהר ווייסט, אז דאָ, ווען מיר טראַכטען עקנסט וועגען אַ פּלאַץ, זענען מיר אונטערוואָרפען זיך דאָרט צו געפינען. אונזער איצטיגער קערפּער איז אַזוי לייכט, אַז ער קען נאָכפאָלגען דעם געדאַנק אָהן אָנ־שטרענגונג.

די אַלע, וואָס זענען דאָ שוין לאַנג, זעהען נישט אויס אַלט. כ'האָב געפרעגט דעם לעהרער וועגען דעם און ער האָט מיר דערקלערט, אַז מיט דער צייט הערט אַן אַלטער מאַן אויף צו טראַכטען, אַז ער איז אַלט. די טענדענץ איז צו ווערען יונג און דער קערפּער נעהמט־אָן די פאָרם, וואָס מיר ווינשען אין געדאַנק.

קינדער וואַקסען דאָ אויס און זיי קענען אַפילו דערגעהן צו אַ מין „עלטער". אויב זיי האָבען דאָס אין געדאַנק; אָבער די טענדענץ איז

אויפצוהאַלטען די יוגענד, צו געהן פאָראויס אָדער צוריקוועגס צו דער בעסטער פעריאָדע פון לעבען.

די מענשען, וואָס מיינען, אַז זייערע אָפּגעשיידטע זעלען דאַ לויטער קלוגהייט, וועלען שטאַרק אַנטוישט ווערען, ווען זיי וועלען זיך דערוויסען, אַז דאָס לעבען אויף אונזער זייט איז אַ פאָרטזעצונג פון דעם לעבען אויף דר׳ערד. אויב די געדאַנקען און פערלאַנגען זענען דאָרט (אויף דער ערד) געווען פאַרנומען נאָר מיט מאַטעריעלע פאַרגעניגען, זענען דאַ די געדאַנקען און פערלאַנגען כמעט דיזעלבע.

דאָס לעבען קען דאַ זיין אַזוי פריי! דאַ איז נישטאָ די לעבענס-מאַשינעריע, וואָס מאַכט די מענשען אויף דר׳ערד פאַר שקלאַפען. אין אונזער וועלט איז דער מענש אָפּהענגיג פון זיינע געדאַנקען. אויב זיי זענען פריי, איז ער פריי.

איך גלויב, אַז די גליקליכסטע מענשען דאַ זענען די מאַהלער. אונזער שטאָף איז אַזוי לייכט און באַקוועם און אַזוי גרינג צו געברויכען עס, אַז עס נעהמט לייכט אָן די פאָרמען פון דער פאָרשטעלונגס-קראַפט. דאַ זענען פאַראַן פרעכטיגע געמעהלען. טייל פון אונזערע אַרטיסטען פּרובירען אָפּצופרעסען זייערע בילדער אויף דער פאַנטאַזיע פון די ערדישע אַרטיסטען, און אָפט זענען זיי אין דעם ערפאָלגרייך.

די פרייד פון אונזערען אַן אמת׳ן אַרטיסט איז זעהר גרויס, ווען אַ מאַהלער אויף אייער זייט „כאַפּט" זיין אידעע און גיט זי אַרויס אויפ׳ן לייוונט.

מיט פּאָעטען איז דאָס אייגענע. דאַ ווערען געשאַפען פרעכטיגע לירישע געדיכטען, וועלכע ווערען אָפּגעפרעסט אויף דער פאַנטאַזיע פון ערדישע פּאָעטען. אַ פּאָעט האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז לייכטער צו טון מיט אַ קורץ לירישע געדיכט, ווי מיט אַן עפּישער פּאָעמע אָדער דראַמע, וואו עס איז נייטיג אַ לאַנגע און שווערע אָנשטרענגונג.

כמעט דאָס אייגענע איז מיט מוזיקער. ווען איהר זענט אַמאָל ביי אַ קאָנצערט פון שענער מוזיק, זענען דאָרט, מעגליך, אַרום אייך מאַסען גייסטער, וואָס האָבען ליעב מוזיק, כאָטש אייער מוזיק גרייכט סיי־ווי

אהער און מיר הערען זי. ווען אייערע מוזיקער קענען הערען אונזער מוזיק! אויף דער ערד האב איך נישט פארשטאנען קיין מוזיק. אבער איצט זענען מיינע אויערן געווארען מוזיקאליש. טיילמאל דאכט זיך, אז איהר הערט דארט אונזער מוזיק. ווי מיר הערען אייערע.

7־טער בריח

איך האב דא לעצטענס באגעגנט א זעהר אינטערעסאנטען יונ־געמאן. ער איז א פארליבטער, וואס האט צעהן יאהר צייט געווארט, אז זיין געליבטע זאל צו איהם קומען.

ז י י האבען אויף דער ערד געזאגט, אז ער איז טויט און זי צוגערעדט צו נעהמען אן אנדערן; אבער זי האט איהם נישט געקענט פארגעסען. ווייל יעדע נאכט האט ער איז חלום זיך געטראפען מיט איהר נשמה. יעדע נאכט איז זי אריבערגעקומען צו איהם, און טייל־מאל האט זי, דערוואכענדיג פון שלאף, געדענקט אלדינג, וואס ער האט איהר געזאגט אין שלאף.

מיט א שטיקעל צייט צוריק איז זי געקומען. ער האט זיך לאנג פארבארייט פאר איהר קומען און ער האט דא אויפגעבויט פאר איהר א היים, וועלכע ער האט איהר געהאט צוגעזאגט צו בויען אויף דער ערדישער וועלט.

ער האט מיר דערצעהלט ווי איינמאל אין א נאכט, ווען זי איז צו איהם געקומען אין חלום, האט זי איהם געזאגט, אז זי וועט זיך איינ־דערפריה מיט איהם ווידער פאראייניגען. ער האט זיך דערשראקען, ווייל ער איז געשטארבען מיט א פלוצלינגען, פיינליכען טויט און ער האט נישט געוואלט, אז זי זאל ליידען יסורים. ער פלעגט זי שטענדיג אפהיטען און ווארנען פון געפאהר: אבער דאסמאל האט ער געפיהלט, נאכדעם ווי דער ערשטער איינדרוק פון איהר צוזאג איז אריבער, אז זי וועט באמת קומען, און ער איז געווען גליקליך.

דעם גאנצען טאג איז ער געבליבען ביי איהר. ער האט נישט גע־קענט זעהן איהר קערפער, ווייל די שטראלען פון דער זון זענען פאר איהם געווען צו שטארק. אבער, נאך שטונדען־לאנגען ווארטען, האט ער דערפיהלט א האנט אין זיינער, און כאטש זי איז פאר איהם געווען אומזיכטבאר, האט ער געוואוסט, אז זי איז דאס. ער האט צו איהר גערעדט. באנוצענדיג אזעלכע ווערטער, וואס ער פלעגט געברויכען אויף

דער ערד. זי האט קענטיג, נישט פארשטאנען. ער האט נאכאמאל גע־רעדט, און זי האט ווידער נישט געענטפערט. אבער ער האט געוואוסט פון איהרע האנט־דרוקען, אז זי באגרייפט זיין אנוועזענהייט. אזוי האט איז האנט זענען זיי געשטאנען אין דער פינסטערניש פונ׳ם זונ־ליכט, דער יונגערמאן וויסענדיג ווי צו רעדען, נאך זיין לאנג־יעהריגער דערפארונג אין דער וועלט פון איידעלע קלאנגען און זי — שפראכלאז און צוטומעלט.

וועז די זון איז אונטערגעגאנגען האט ער דערזעהן איהר געזיכט. איהרע אויגען זענען געווען ברייט און צושראקען; אבער זי איז נאך געווען ווי צוגעשמידט צו דעם צימער, וואו עס איז געלעגען דער קערפער, וועלכער איז נישט לאנג צוריק געווען „זי״. ס׳איז געווען זומער. די פענסטער אפען. ער האט געוואלט זיך מיט איהר אוועקלאזען אין דער פארפומירטער נאכט, וועלכע איז פאר זיי געווען טאג; אבער זי האט געהאלטען זיין האנט און איהם נישט געלאזען געהן.

ענדליך איז ער מיט איהר אוועק אויף א שטיקעל שטרעקע און צו איהר ווידער גערעדט. איצט האט זי איהם געהערט און געענטפערט.

געליבטער — האט זי געזאגט — וועלכעס בין איך? איך זעה זיך אליין. איך פיהל זיך אליין, מיר דאכט זיך, אז איך בין אויף צוויי ערטער. וועלכעס איז באמת א י ך ?״

ער האט זי בארוהיגט מיט ליבליבע רייד, און ער האט מורא גע־האט, אז זי זאל נישט צוריק אריין אין דער פארם פונ׳ם ערדישען לע־בען, וואס איז אזוי נאהענט צו זיי, און זי ווידער פארלירען. אבער בעת זי פלעגט קומען צו איהם אין חלום, איז עס נישט געווען אזוי רעאל ווי אצונד, און ער האט געפיהלט, אז זי האט שוין, ווירקליך, דורכגעמאכט די גרויסע ענדערונג.

זי האט זיך אלץ געקלאמערט צו זיין האנט, קענטיג מורא־האבענ־דיג מיט איהם אוועקצוגעהן — איבערצולאזען דעם קערפער. ער איז מיט איהר פארבליבען א גאנצע נאכט און צומארגענס דעם גאנצען טאג. דאן איז ווידער געקומען א נאכט און דערנאך א טאג. ער האט

נעהערט דעם יאמער פון איהרע עלטערן, כאטש זיי האבען, נאטירליך, נישט געקענט זעהן איהם און נישט זייער טאכטער; פיינאכט איז זיין געליבטער'ס קליין הינטעל אריין אין צימער, וואו איהר טויטער קערפער איז געלעגען און וואו זייערע ביידע גייסטער האבען זיך געפונען. דאס הינטעל האט זיי געזעהן און פרעהליך געוואיעט. זיי האבען דאס ביידע געהערט.

איצט קען זי איהם גוט הערען, ווען ער רעדט צו איהר.

אויפ'ן דריטען טאג האט מען איהר קערפער אריינגעלעגט אין דעם טויטען-קאסטען. און זיי — די צוויי גייסטער — זענען לאנגזאם אוועק. ער האט צו איהר געזאגט:

„זיי זיך נישט מצער. זיי נעהמען דיין קערפער צום קבר; אבער דו ביסט אין זיכערקייט מיט מיר.”

ער האט איהר געוויזען די היים, וואס ער האט דא פאר איהר אויפגעבויט. זי איז אהין אריין מיט איהם און עס איז געווארען זייער וואוינארט.

אין די ערשטע טעג האט זיך אין איהר, געוועהנליך, אפגערופען די געוועהנהייט פון ערדישען הונגער, און ער האט איהר געגעבען פארשידענע שפייזען. אבער ביסלעכווייז האט זי זיך אפגעוועהנט פון דער ערד און פון די ערדישע נייגונגען, און נאר פון צייט-צו-צייט ווייזט זי זיך אין חלום צו איהרע עלטערן.

איהר דארפט נישט גרינגשעצען די חלומות וועגען געשטארבענע. זיי באטייטען נישט אלעמאל, וואס דער חלום דריקט-אויס, ווייל די מיר צווישען די צוויי וועלטען איז זעהר שמאל און געדאנקען ווערען אפטמאל אראפגעשטויסען אין וועג פון זייער גאנג. אבער חלומות וועגען געשטארבענע מיינען עפעס. מיר קענען אייך אויף דעם אופן גרייבען.

VII

אונזערע פריינד פון יענער זייט קומען אונז באַגעגענען

אויב איהר האָט אליין נישט בייגעוואוינט די גסיסה פון א מענ־שען, האָט איהר זיכער געהערט הערצעהלען פון אנדערע, וואָס האָבען דאָס יא בייגעוואוינט, אז א שטאַרבענדע פערזאָן זעהט אָפט פארשיי־דענע געשטאַלטען, מעהרסטענס פון פארשטאָרבענע פריינד און קרובים.

אַזעלכע געשיכטעס ווערען א סך דערצעהלט צווישען פאָלק, און א היבשע צאָהל פאַלען, וואָס באַשטעטיגען, אָהן צווייפעל, אז די פאַר־שטאָרבענע קומען באַגעגענען זייערע שטאַרבענדע פריינד, זענען פאַר־צייכענט אין די פּראָטאָקאָלען פון די געזעלשאַפטען פאַר פסיכישער פאָרשונג.

נאַטירליך דאַרף מען נישט אָננעהמען, אז אלע שטאַרבענדע, אָהן אויסנאַהם, זעהן ארום זייער גסיסה־בעט זייערע „טויטע" פריינד אדער קרובים; אפשר יאָ און אפשר נישט, ווייל נישט אלע שטאַרבענדע זענען אין די לעצטע מינוטען ביים קלאָרען באַוואוסטזיין, אז מ'זאָל פון זיי עפּעס קענען דערגעהן.

אָבער אין פיל פאַלען איז עס באַוויזען געוואָרען, איבערהויפּט אין די פאַלען, וואָס זענען פארשריבען אין די פּראָטאָקאָלען פון די געזעל־שאַפטען פאַר פסיכישער פאָרשונג. סקעפּטיקער שטעלען קעגען דעם ארויס א טענה, אז אויף גוסס'דיגע קען מען זיך נישט פאַרלאָזען, און זיי דערקלעהרען זייערע זעהונגען פאַר האַלוצינאַציעס.

ווי איז, אָבער, אז א מענש, וואָס האָט קיינמאָל אין זיין לעבען נישט געהאַט קיין האַלוצינאַציעס און איז פאַר'ן טויט פולשטענדיג קלאָר, זאָגט, אז ער זעהט זיין מוטער אדער זיין שוועסטער, וועלכע איז געשטאָרבען בעת ער איז געווען א קינד, מיט א לאַנגער צייט — לאָמיר זאָגען: פערציג, פופציג יאָהר — צוריק, און וועלכע ער האָט נישט געקענט האָבען אויפ'ן זינען? — ווי קען דאָס דערקלערט ווערען פאַר א האַלוצינאַציע?

בכלל, וואָס איז א האַלוצינאַציע? — א פאַשמאַר, א מיראַזש, א

מיש־מאש: קיין קלאר געשטאלט, קיין דייטליך בילד זעהט מען נישט אין האלוצינאציע־צושטאנד. ארטור היל דערצעהלט וועגען זיך, אז איינמאל, ווען ער איז געווען קראנק און געהאט דעם העכסטען גראד היץ, האט ער איבערגעלעבט א האלוצינאציע, וועלכע ער האט פארשריבען, באלד ווי ער האט געקענט האלטען א פען אין האנט, און די האלוצינאציע. זאגט ער, האט אויף קיין מינוט נישט אנגענומען די פארם פון זיינע פארשטארבענע קרובים. עס איז גיכער געווען א גראטעסק, א מין חלום, אהן וועלכער־ס'איז ממשות'דיגער געשטאלטונג.

אבער, לאמיר זאגען, אז ס'איז יא מעגליך, אז דעם שטארבענדען'ס זעהונג איז א האלוצינאציע: ער האט פאר'ן טויט געטראכט פון זיינע פארשטארבענע פריינד און קרובים און דאס טראכטען האט פאראורזאכט א האלוצינאציע.

טא ווי ווערט מען דערקלערען א פאל, ווען דער שטארבענדער האט פאר'ן טויט געזעהן א פערזאן, וועגען וועמעס טויט ער האט די מינדעסטע אהנונג נישט געהאט און דערפאר וועגען דער פערזאן נישט געקענט טראכטען ווי וועגען א פארשטארבענער?

פרייולין פראנצים פאוער קאוב האט פארעפענטליכט א גאנצע קאלעקציע אזעלכע פאלען, וועלכע קענען נישט פארטייטשט ווערען מיט האלוצינאציע.

מאדאם י. די פרוי פון ענגלישען פאלקאוניק י., האט פאר'ן טויט דערצעהלט איהר מאן, אז זי האט איינינגע מאל אין פארלויף פון טאג געהערט זינגענדיגע שטימען און זי האט געמיינט, אז דאס זינגען מלאכים. וואס זענען זי געקומען נעהמען אין הימעל אריין: „אבער — האט זי זיך געוואונדערט, — איין שטים איז מיר זעהר באקאנט, און איך בין זיכער, אז איך ווייס, נאר איך קען זיך נישט דערמאנען, וועמעס שטים עס איז".

פלוצלונג איז זי שטיל געווארען און ווייזענדיג איבער איהר מאנ'ס קאפ אריבער, האט זי אויסגערופען:

— „א, דארט איז זי, אין ווינקעל פון צימער; ס'איז דזשוליא עסס:

זי קומט צו. זי לעהנט זיך איבער דיר אריבער; זי הייבט־אויף איהרע הענט. גיב א קוק — זי געהט אוועק.״

פאלקאווניק י. האט זיך ארומגעקוקט, אבער גארנישט געקענט זעהן און גערעכענט, אז ס׳איז דער קראנקער׳ס איינבילדונג, כאטש אין אלע אנדערע הינזיכטען איז די פרוי געווען פאלשטענדיג נארמאל.

מיט צוויי טעג שפעטער, — נאך זיין פרוי׳ס טויט, — האט זיך דער פאלקאווניק דערוואוסט, אז דזשוליא עקס — א יונגע פרוי מיט א זעלטען שעהנער שטים, וועלכע ער און זיין פרוי האבען געקענט מיט יאהרען פריהער, — איז געשטארבען מיט א וואך פריהער פאר מאדאם י. די לעצטע האט נישט געהאט קיין שום אהנונג וועגען יענער׳ס טויט.

אן אנדער פאל אזא דערצעהלט ד״ר מינאט סאוואדזש אין זיין בוך ,,פסיכישע פאקטען און טעאריעס״. צוויי קליינע מיידלעך, שול חבר׳טעס, אין עלטער פון ארום אכט יאהר, זענען קראנק געווארען אויף דיפטעריע. א מיטוואך נאכמיטאג איז איינע פון זיי, דזשעני, געשטאר־בען; דער דאקטאר און די עלטערן פון צווייטען מיידעלע, עדיט, האבען פון דער קראנקער באהאלטען די ידיעה וועגען איהר חבר׳טעס טויט, מורא האבענדיג אז דאס וועט זיך אויף איהר שלעכט אפרופען. אז זיי איז געלונגען דאס פון איהר צו באהאלטען, באווייזט דער פאקט, אז שבת, ס׳הייסט דריי טעג נאך דזשעני׳ס טויט, איידער עדיט האט פאר־לוירען איהר באוואוסטזיין, האט זי אויסגעקליבען צוויי פון איהרע פא־טאגראפיעס און געבעטען, מ׳זאל זיי שיקען צו דזשעני׳ן.

אין אווענט פון זעלבען טאג, האלב זיבען, איז עדיט געשטארבען. זי האט פריהער צוריקגעקריגען איהר באוואוסטזיין און רוהיג גערעדט וועגען טויט, נישט ארויסווייזענדיג קיין שרעק. דאן האט זי אנגעהוי־בען זעהן פארשידענע פריינד, אויף וועלכע זי האט געוואוסט אז זיי זענען טויט. אבער פלוצים, און מיט א דייטליכען אויסדרוק פון איי־בעראשונג, האט זי אויסגעשריגען:

—טאטע, כ׳געה מיט זיך נעהמען דזשעני׳ן... האסט מיר גאר־נישט געזאגט, אז דזשעני איז דא!

זי האט אויסגעשטרעקט איהרע ארעמס, באגריסענדיג זי, און גערעדט:

— א. דזשעני, כ'בין אזוי צופרידען, וואס דו ביזט דא!

ד"ר סאוואדזש האט דעם פאל פערזענליך אויסגעפארשט און דער פולער נאמען פון דער פאמיליע מיט נאך איינצעלהייטען זענען איבער־געגעבען געווארען דעם סעקרעטאר פון דער אמעריקאנער געזעלשאפט פאר פסיכישער פארשונג, ד"ר היסלאפ.

א פולע באשרייבונג פון דעם געפינט זיך אין דעם זשורנאל פון דער דערמאנטער געזעלשאפט, אין יאהרגאנג פון 1917, אויף דער 50־טער זייט.

איינציגע געלערנטע, וואס באשעפטיגען זיך מיט'ן ספיריטואליזם, דערצעהלען פון זייערע דערפארונגען, אז בעת סעאנסען מיט מעדיומס, זענען געקומען גייסטער, וועלכע האבען דערקלערט, אז זיי ווארטען אויף וועמען — א קרוב, א פריינד, — וואס דארף אריבער אויף זייער זייט, און אז אויספארשונג האט דערנאך באוויזען, אז אין דערזעלבער צייט, אדער איז די זעלבע טעג, איז געשטארבען א פארוואנדטער פון א גייסט, וועלכער האט דעמאנסטרירט און געמאכט די דערקלערונג.

ליידער שענקען די מעהרסטע מענשען ווייניג, אדער גארנישט, קיין אויפמערקזאמקייט צו די רייד פון שטארבענדע, אויסער ווען ס'האנ־דעלט זיך וועגען ריין־מאטעריעלע אנגעלעגענהייטען, ווי ירושה און דאסגלייכען... באלד ווי דער שטארבענדער הייבט־אן רעדען וועגען אנ־דערע זאכען, וואס ער זעהט אדער הערט אין די לעצטע מינוטען, רוקט מען זיך פון איהם אוועק מיט שרעק; ס'הייסט, אז ער „רעדט פון וועג". אז ער איז נישט מעהר ביים קלארען פארשטאנד, און דער יאמער צוויי־שען זיינע אייגענע ווערט נאך גרעסער.

צווישען די עולות, וואס מיר באגעהען, איז אפשר די גרעסטע עולה אונזער באציהונג צו די פארשטארבענע. באלד ווי איינער פון אונז גרייכט זיינע לעצטע מינוטען אויף דער ערד, הערען מיר אויף זיך צו רעכענען מיט איהם און באטראכטען איהם ווי א מאשין, וואס פאר־

לירט איהר קראפט און האט מעהר קיין ווערט נישט, אדער ווי א זאך, וואס וועט זיך באלד פארוואנדלען אין א טויט שטיק ליים.

וואלטען מיר געשאנקען מעהר אויפמערקזאמקייט די שטארבענדע, וואלטען מיר דאן בעסער פארשטאנען די ערשיינונג, וואס מיר רופען „טויט". און אונזער באציהונג צו די פארשטארבענע וואלט געווען אן אנדערע. א מעהר ראציאנאלע, א מעהר פ ר י י נ ד ל י כ ע.

נאטירליך, מיט דער איבערצייגונג, אז די „טויטע" לעבען, אז אונזערע פארשטארבענע פריינד און קרובים זעצען־פאר זייער עקזיס־טענץ אין אן אנדער ספערע, וועלכע איז פונקט אזוי רעאל ווי אונזער ערד־ספערע: מיט דעם באוואוסטזיין, אז „טויט" איז בלויז דער נאמען פאר'ן איבערגאנג פון איין וועלט צו אן אנדער וועלט, — אן אידעע, וואס ווערט אלץ מעהר און מעהר פארשפרייט, א דאנק דער ספיריטו־אליסטישער וויסענשאפט — וועט זיך, ממילא, ענדערן די באציהונג צו די שטארבענדע, צו די גוסס'דיגע, און מ'וועט זיי שענקען מעהר אויפמערקזאמקייט. מ'וועט זיך געזעגענען מיט זיי ווי מיט מענשען, וועלכע וואנדערן אוועק אין אן אנדער לאנד און מיט וועלכע מיר האפ־פען זיך אמאל צו זעהן.

דאס באוואוסטזיין פון אומשטערבליכקייט, פון דער רעאליטעט פון „יענער וועלט", וועט אויך ביסלעכווייז פארטרייבען די שרעק, וואס איז איינגעווארצעלט אין די מעהרסטע מענשען פאר „איבערנאטירליכע דערשיינונגען", איבערהויפט פאר די גייסטער פון „טויטע".

שרעקען זיך פאר אן אייגענער מאמען, פאר א פריינד, וואס איז געשטארבען, — ווי טרויעריג דאס קלינגט! אבער ס'איז א פאקט, אז אפילו פערזאנען, וואס האבען שוין א גרעסערע באקאנטשאפט מיט פסיכישע דערשיינונגען, קענען זיך נישט באלד באפרייען פון דעם אומ־היימליכען געפיהל, בעת א פסיכישער זעהונג אדער בעת דער קאמוני־קאציע מיט גייסטער, אין ס'נעהמט א היבשע צייט, ביז זיי קענען פון זיך אויסווארצלען די שרעק, וואס איז אין זיי דערצויגען געווארען פון קינדהייט־אן.

מיט דער אויפהייבונג פון דער פּאַרהאַנג, וואָס האָט פאַר אונז פאַרשטעלט „יענע זייט‟ פון קבר — וועט אויך ביסלעכווייז אָפּגע־מעקט ווערען די שרעק פון אונזער בלוט. זיך איבערצייגענדיג, אַז די, וואָס זענען שוין אַוועק אַ ה י ן, זענען אַזוי רעאַל ווי מיר אַליין, און אַז זיי זוכען אונז נישט קיין שלעכטס צו טון, נאָר אדרבא, מיר האָבען דאָרט פריינד, וואָס ווילען אונז העלפען, וועט פאַרשווינדען די אַלטע מורא און יעדער וועט פריי און זיכער באַגריסען די דערשיינונג פון א פאַרשטאָרבענעם פריינד, ווי מ׳באַגריסט אַ פריינד, וואָס איז נאָך אין ערדישען קערפּער.

VIII

מעגליכקייט און אוממעגליכקייט

נאך אלע ספיריטואליסטישע סעאנסען, נאך די אלע שטרענגע פאר־שונגען, נאך די אלע עקספערימענטען, וואס ברענגען ארויס די באווייזען פון א צווייטער עקזיסטענץ; נאך די אלע פילאזאפישע און וויסענשאפטליכע דערקלערונגען וועגען דער רעאליטעט פון דעם לעבען נאכ'ן טויט — בלייבט פאר פיעל אלץ שטעהן די פראגע: אבער ווי איז עס מעגליך? מיר וויסען די געזעצען און די באדינגונגען, וואס מאכען מעגליך דאס לעבען אויף דער ערד. כאטש וואס דאס לעבען אליין איז וויסען מיר נישט. אבער וואס מאכט מעגליך דאס לעבען אויף „יענער זייט" פון קבר?

דאס איז א שווערע פראגע, נאר — צוריקגעשמועסט — וואס זענען די באדינגונגען און געזעצען, וואס מאכען דאס לעבען אויף דער ערד מעגליך? — פיזישע! אבער די פיזישע באדינגונגען דערמעגליכען בלויז דעם אויפהאלט פון פיזישען קערפער. די נשמה איז נישט אפ־הענגיג פון קערפער, זי בלייבט לעבען אויך נאכ'ן צופאלען פון קער־פער. דער קערפער, דאגעגען, קען אהן א נשמה נישט עקזיסטירען. די פיזישע באדינגונגען זענען, אלזא, בלויז פאר'ן קערפער, אין וועלכען די נשמה וואוינט בעת'ן לעבען אויף דער ערד, און די נשמה אליין, אהן קערפער, לעבט אונטער ריין־גייסטיגע באדינגונגען און „געזעצען".

אויסערדעם: די פראגע וועגען דער מעגליכקייט פון לעבען, אפילו מיר וויסען זיינע באדינגונגען און געזעצען, קען נישט אנגעווענדט ווערען בלויז אויפ'ן לעבען נאכ'ן טויט. דער עיקר זענען דאך נישט די באדינגונגען, וואס דערמעגליכען דאס לעבען, וואס איז שוין פאראן, נאר דאס לעבען אליין; און דאס לעבען נאכ'ן טויט איז נישט קיין אנ־דער לעבען, קיין באזונדער לעבען, נאר א פארטזעצונג פון לעבען

וואס איז דאס גאנצע לעבען? קיינער איז דערוויל נישט אימ־

שטאנד אויף דעם צו ענטפערן. מיר ווייסען, אז מיר עקזיסטירען. אבער פארוואס מיר עקזיסטירען ווייסען מיר נישט. מיר ווייסען, אז עס איז, אבער נישט פארוואס עס איז, פון וואנען עס איז און צוליב וואס עס איז.

די וויסענשאפט פראבירט פארענטפערען דעם אורשפרינג פון לעבען, אבער דאס לעבען אליין בלייבט א טיפער סוד. די וויסענשאפט באמיהט זיך צו דערקלערען די נאטור, דעם כאראקטער און די געזעצען פון די לעבענס־ערשיינונגען, אבער דער שורש, דער ווארצעל, די ערשטע אורזאך קען זי דערווייל נישט — און וועט אפשר קיינמאל נישט קענען דערקלערען.

די גאנצע אומענדליכקייט איז אנגעפילט מיט לעבען. די ערד איז באלעבט מיט אלערליי באשעפענישען, אויף דער טרוקעניש און אין די טיפען און ימ'ען און אין דער לופט שוועבעלט און גריבעלט מיט לעבען. אין דער גרויסער „ליידיגקייט'' באוועגען זיך מילי־מיליאנען קערפערס. גאנצע וועלטען, —פון וואנען נעהמט זיך דאס אלץ, ווער האט געגעבען דעם ערשטען שטויס צו דער אייביגער באוועגונג? און וואס איז אומענדליכקייט בכלל. אויב נישט א נאמען פאר א גרויס. וואס איז איבער אונזערע השגות? וואס זענען די „אייביגע געזעצען'' ווער אדער וואס האט זיי געשאפען און פארוואס זענען זיי אזוי און נישט אנדערש?

פאראן ענטפערס אויף ענטפערס. נאר... דאס זענען ווערטע־, אבסטראקציעס, וואס דערקלערען גארנישט. וואס די „ערשטע'' אורזאך זאל נישט זיין, לויט אונזער באשטימונג — פון וואנען איז זי, פון וואנען נעהמט זי זיך? און אויב עס איז דא א „פון־וואנען'', — און אזעלכעס מוז ווידער לויט אונזערע באגרענעצטע השגות זיין, — איז דאך די פריהעריגע „ערשטע אורזאך'' קיין ערשטע נישט. און אויב....

אבער מיר מוזען זיך אפשטעלען... מיר דרעהען זיך אין א פארכשוף'טען קרייז און פון וואנען מ'זאל נישט אנהייבען, מוז מען צוריקקומען צום זעלבען פונקט. מיר מוזען זיך דעריבער אליין באגרענעצען.

מיר מוזען שלום מאכען מיט אונזער באגרענעצטען פארשטאנד. מיר זאגען זיך אליין „אומענדליכקייט'' און מיר ווילען זיך איינרעדען, אז דערמיט האבען מיר ווער־וויים־וואס פארענטפערט. מיר זאגען „אייביגקייט'' און נאכאלעמען איז עס אויך נישט מעהר ווי א ווארט, וועמעס זין מיר קענען נישט באגרייפען, ווען מיר טראכטען זיך אין דעם אריין... נאר, קיין אנדער ברירה איז נישטא.

אלץ, וואס מיר ווייסען, און וואס מיר קענען זיכער זיין איז, אז דאס, וואס מיר רופען „אומענדליכקייט'' און „אייביגקייט'', איז אויסגעפילט מיט א פארשטאנד, וואס זיין גרויסקייט, טיפקייט און שעהנקייט קען דער קלוגסטער פון אונז נישט משיג זיין; א פארשטאנד, וואס איז אויסגעגאסען אויף אלץ און אין אלץ, וואס עקזיסטירט, אין די זיכטבארע און אומזיכטבארע כחות, וואס געוועלטיגען אין אונז און אויסער אונז.

רופט עס גאט, רופט עס ווי איהר ווילט, ווי איינעם איז „באקוועמער'' — און פארוואס טאקע נישט גאט ?... קיין אנדער ענטפער איז נישטא. קייז אנדער ענטפער — וועט — קיינמאל נישט זיין. די וויסענשאפט איז דערווייל פול מיט טעאריעס אויף טעאריעס, היפאטעזעס אויף היפאטעזעס, און פון צווישען די היפאטעזעס און טעאריעס לייכטען ארויס אמת'ן אדער פונקען פון אמת'ן, וואס ווייזען א וועג, גיבען אן אנדייטונג. נאר שווער און אומזיכער איז נאך דער וועג צווישען טעאריע און אמת. דערפאר איז נישט קלוג פון די פאר'עקשנ'טע מאטעריאליסטען איינצורעדען זיך און דער וועלט, אז זייער פונדאמענט איז געבויט אויף לויטער אמת און אז די גאנצע שעפונג מוז „ארבייטען'' לויט די געזעצען און רעגלען, וואס זיי האבען פאר איהר איינמאל פאר אלעמאל צוגעפארטיגט...

פארשטעהט זיך. אז אויך דער ספיריטואליזם האט טעאריעס, פאר וועלכע אפילו דער איבערצייגסטער ספיריטואליסט, אויב ער איז נאר נישט קייז ענגהארציגער פאנאטיקער, וועט נישט שווערען, אז זיי זענען פולשטענדיג אויסגעהאלטען: אויב דאס איז נאטירליך פאר דער ע ל ־ ט ע ר ע ר מאטעריאליסטישער וויסענשאפט, איז עס דאך פאר דעם (מאדערנעם) ספיריטואליזם אודאי און אודאי נאטירליך. טעאריעס זענען

אַ פּשט אויף ערשיינונגען אָדער אַן אויסטייטשונג פון זיי. דער עיקר זענען די ערשיינונגען. ס'מעגען זיך זיין טויזענט טעאָריעס וועגען עלעקטריציטעט און אַלע טויזענט מעגען זיין פאַלש, אָבער עלעקטריציטעט איז אַ פאַקט, מען זעהט — און מ'פיהלט — זיינע ווירקונגען. אַזוי זענען אויך דער עיקר די פ א ק ט ע ן. וואָס ווערען ארויסגעבראַכט אין באַצוג צו דער פאָרטזעצונג פון לעבען נאָכ'ן טויט.

פונקט ווי דער מאַטעריאַליזם האָט נאָך נישט פאַרענטפערט די פראַגע פון „ווי אַזוי" וועגען ערדישען לעבען, אַזוי קען עס דער ספּיריטואַליזם דערווייל נישט טון בנוגע דעם גייסטיגען לעבען אויף „יענער זייט". עס זענען פאַראַן מאַטעריאַלע, פאַקטען, באַווייזען, וועלכע האָבען געשאַפען די פולשטענדיגע איבערצייגונג, אַז דער קבר איז נישט די ענד פון לעבען. אָבער „ווי־אַזוי" דאָס לעבען „דאָרט" איז מעגליך איז אַ פראַגע. וואָס גיסט זיך צוזאַמען מיט דעם אַלגעמיינעם פּראָבלעם פון לעבען — דאָס לעבען נאָכ'ן טויט איז מעגליך און אוממעגליך ווי דאָס לעבען אויף דער ערד. און ווי דאָס לעבען אויף דער ערד איז עס ר ע אַ ל.

פונקט ווי מאַנכע „קלוגע לייט" קענען „באַווייזען", אַז דאָס לעבען אָהן ערדישען קערפּער איז נישט מעגליך, קען אַ חכם אויך „באַווייזען", אַז דאָס לעבען אויף דער ערד איז נישט מעגליך, פּשוט דערפאַר, ווייל ווען מיר זאָלען דאַרפען ערפינדען דאָס לעבען, וואָלט עס פאַר אונז נישט מעגליך געווען... אפשר איז עס ווי דער כינעזישער פילאָזאָף טשואַנג־טזע האָט געזאָגט, נאָכדעם ווי איהם האָט זיך גע'חלומ'ט, אַז ער איז אַ שמעטערלינג: „בין איך איצט אַ מענש, וואָס האָט גע'חלומ'ט, אַז ער איז אַ שמעטערלינג, אָדער איך בין אַ שמעטערלינג, וואָס חלומט, אַז ער איז אַ מענש?" נאָר צי מיר זענען מענשען אָדער שמעטערלינגען — מיר לעבען. לעבען איז ערפאַרונג און די ערפאַרונג לערנט אונז, אַז מיר ז ע נ ע ן. אַז מיר עקזיסטירען.

טראַכט זיך גוט אריין אין די ווערטער און איהר וועט דערזעהן זייער גערעכטיגקייט. און אפשר וועט איהר נאָך איינפאַלען, אַז דאָס גייסטיגע לעבען איז מ ע ג ל י כ ע ר ווי דאָס מאַטעריעלע, אַז די מאַטעריע איז

אפּהענגיג פון גייסט און נישט דער גייסט פון דער מאַטעריע, און אז דאָס לעצטע איז א פאָלגע פון ערשטען און נישט פאַרקערט.

איהר נעהמט פאַר א ביישפּיעל געוועהנליכע, טאָג־טעגליכע ערפינ־דונגען, פון א ניי־מאַשין ביז אן עראָפּלאַן, און איהר פרעגט: וואו איז זייער שורש? דער ענטפער מוז זיין: „אין גייסט!". די אלע ערפינדונגען, וואָס איהר זעהט פאַר זיך, זענען פריהער גייסטיג געשאַפען גע־וואָרען. אין א מח, אין א פאַנטאַזיע, און דערנאָך ערשט זענען זיי אויסגע אַרבייט געוואָרען אין מאַטעריעלע פאָרמען.

איהר געהט דאַן איבער צו דער וועלט, צו דער גאַנצער שעפונג און פרעגט דיזעלבע פראַגע: „וואו איז דער שורש דערפון?" און ווידער זענט איהר געצוואונגען צו ענטפערען: „אין גייסט!" דאָס אלץ, וואָס מיר זעהען איז מאַטעריעלע פאָרמען איז פריהער גייסטיג געשאַפען געוואָרען, אין א פאַנטאַזיע, אין א מח. דער גייסט איז, אלזא, געווען פריהער ווי דאָס מאַטעריעלע. צוערשט איז געווען גאָרנישט... תוהו־ובוהו... און גאָט'ס גייסט האָט איבער אלעם געשוועבט... און גאָט האָט געזאָגט עס זאָל ווערען ליכט און עס איז געוואָרען ליכט... און אזוי האָט ביסלעכווייז דעם שע־פער'ס פאַנטאַזיע אנגענומען מאַטעריעלע פאָרמען.

דאַ קומען מיר צום געדאַנק, אז נישט נאָר לעבען מיר נאָכ'ן טויט, נאָר אז מיר האָבען אויך געלעבט פאַר'ן געבוירען ווערען, אז דאָס לעבען וואָס האָט קיין סוף נישט, האָט אויך קיין אנהויב נישט, — לויט אונ־זערע באַגריפען פון אנהייב און סוף.

IX

דער דראנג צו פולקאמענהייט

עס איז נישטא אזא מענשליכע פאנטאזיע, וואס זאל אימשטאנד זיין פארצושטעלען גאט. גאט קען מען פיהלען מיט'ן הארץ, מיט דער נשמה; מיט'ן שכל קענען מיר באגרייפען, אז די וועלט ווערט באהערשט און געפיהרט פון א גרויסען פארשטאנד. אבער באשטימען וואס גאט איז, ווי אזוי גאט איז — דאס איז איבער די מענשליכע כחות און מעגליכקייטען.

קיינער איז אויך נישט אימשטאנד צו כאראקטעריזירען גאט: איז ער ליבע אדער צארן, נקמה אדער רחמנות? איז ער ליבע און רחמנות. ווי קען ער, דער אלערהעכסטער, דער אלמעכטיגער דערלאזען אזוי פיעל שלעכטס און גרויזאמקייט, אזוי פיעל אומגליק און פארברעכען אויף דער וועלט?

ווי קען ער?... אבער פרעגען איז גרינג און פארענטפערן איז שווער. דאס איז דערפאר, וואס מיר זעהען נישט די גרויסע הארמאניע פון דער שעפונג: מיר באמערקען בלויז די דעטאלען, אבער נישט זייער פארבינדונג, דעם הארמאנישען צוזאמענהאנג פון די פארשידענע, געגענזייטיגע קרעפטען. פון די סתירות.

גוטס און שלעכטס. ליבע און האס. רעכט און אומרעכט קומען פון אונז און דורך אונז. קענען מיר אפשר גארנישט קיין טענות האבען צו גאט?... עלעקטריציטעט ברענגט זיכער א סך גליק און באקוועמליכקייט פאר'ן מענש. אבער דערזעלבער עלעקטריציטעט ווערט פון מענשען אויך אויסגענוצט אויף שעדליכע צוועקען, וואס ברענגען אומגליק. אלע ערפינדונגען און אנטדעקונגען זענען א ברכה פאר דער מענשהייט, אבער דער מענש אליין מאכט זיי פאר א קללה און נוצט זיי אויס אויף מלחמה, אויף צושטערונג און פארניכטונג.

מיר זענען געבענשט מיט סענטימענטען, מיט עמפינדונגען. אין דער לופט שוועבען כסדר וועלען פון געדאנקען, וועלכע מיר כאפען אויף. מיר

קענען דאס אלעס אויסנוצען צום גוטען אזוי ווי צום שלעכטען, און ווען מיר נוצען דאס אויס צום שלעכטען — צו ווען קענען מיר טענות האבען? דאס איז אפשר נישט קיין צופריעדענשטעלענדע פארענטפערונג. אבער איז זינען דארפען מיר דאס האבען; און אין זינען דארפען מיר אויך האבען, אז עס איז דא א זין, עס מוז זיין א זין אין דער שעפונג, נאר מיר ווייסען איהם נישט. דערווייל האלטען מיר אין מיטען, אדער, — אין פאראלעל צו דער אייביגקייט, — אין אנהויב פון אונזער גייסטיגער אנטוויקלונג. מיר זענען גייסטיג נאך נישט רייף, נאך נישט פולקאם, און דערפאר זעהען מיר אויך אומפולקאמענהייט אין די לעבענס-ערשיינונגען און כחות (וואס ווירקען ד ו ר ך אונז); און אז אן אינסטרומענט, — לאמיר איז דעם פאל נעהמען א מוזיקאלישען אינסטרומענט, — איז נישט גאנץ, זענען די קלאנגען, וואס קומען פון איהם, אויך נישט קיין גאנצע...

מיר אליין מוזען פריהער דערגרייכען צו פולקאמענהייט, כדי צו זעהן די פולקאמענהייט פון לעבען און פון די לעבענס-ערשיינונגען.

מיר מאכען דורך א לאנגזאמע — אבער זיכערע — גייסטיגע עוואלוציע. אפשר ווען עס וואלט קיין שלעכטס נישט געווען, וואלטען מיר נישט געהאט דעם דראנג זיך צו הייבען, צו ווערען גרייכען א העכערע שטופע? ווען עס וואלט קיין פינסטערניש נישט געווען, וואלטען מיר נישט אימשטאנד געווען אפצושעצען דאס ליכט...

דאס זענען נישט קיין נייע פראגען און קיין נייע געדאנקען. שוין טויזענטער יאהרען ווי דער פארשענדער מענשליכער פארשטאנד דרעהט זיך ארום דיזעלבע געדאנקען און קיין באפרידיגענדער ענטפער איז נאך נישטא.

נישט ניי איז אויך די פראגע וועגען דעם, אויב בלויז דער מענש (און די אנדערע באשעפענישען, וואס לעבען מיט אונז אויף דער ערד) — זענען געבענשט מיט לעבען און באוואוסטזיין און די ערד, דער קערפער, וואו מיר געפינען זיך, איז א טויטע מאסע?

און נישט ניי איז דער ענטפער, אז די ערד, ווי אויך א סך אנדערע

פלאנעטען, וואס באוועגן זיך אין דער אומענדליכקייט, איז א לעבעדיג און באוואוסטזיניג וועזען.

די ערד באשטעהט פון דיזעלבע עלעמענטען, וואס מיר. פארוואס־זשע זאל נישט מעגליך זיין, אז די ערד האט א באוואוסטזיין ווי א מענש, נאר אן אומגעהייער גרעסער באוואוסטזיין, אויף וויפיעל גרעסער די וועלט איז פון א מענש?...

שטעלט זיך פאר, ווען באצילען, וואס ראיען זיך אין א מענשליכען קערפער, זאלען צווישען זיך דעבאטירען, אויב דער קערפער, אין וועלכען זיי געפינען זיך, איז א לעבעדיג און א באוואוסטזיניג באשעפעניש אין איין באציל זאל אויף דער פראגע ענטפערען יא — ווי וואלטען די מעהרסטע באצילען זיך אויף דעם אפגערופען? זיי וואלטען זיכער זיך צו דעם באצויגען ווי די מעהרסטע מענשען, הערענדיג פון איינעם אזא „משוגענע" באהויפטונג, אז די ערד איז א באוואוסטזיניגע, לעבעדיגע בריאה, ווייל פונקט ווי די באצילען, לעבענדיג אין מענשליכען קערפער, אנטקעגען וועלכע זיי זענען אזוי נישטיג, קענען נישט זעהן די לעבעדיגע און באוואוסטזיניגע טעטיגקייט זיינע, אזוי קענען מיר, מענשען, וועלכע זענען ווי באצילען אין קערפער פון דער וועלט, אנטקעגען וועלכען מיר זענען אזוי קליין און אומבאדייטענד, נישט באמערקען די לעבעדיגע און באוואוסטזיניגע עקזיסטענץ פון דעם קערפער, וואס זעהט פאר אונז אויס ווי א טויטע מאסע.

נאר...ווארט. ציהט־אפ דעם אטעם... די ערד און די אנדערע פלאנעטען — לעבעדיגע, באוואוסטזיניגע, שכל'דיגע וועזענס... די מענשען — באצילען אין די ראזיגע גיגאנטישע קערפערס, וואס באוועגען זיך אין דער אומענדליכקייט; די פלאנעטען ווידער — באצילען אין דעם אומענדליכען, אוניווערזאלען קערפער. און די גאנצע נאטור — דער קערפער פון גאט!...

איז דא א מענשליכער שכל, וואס זאל דאס אלעס קענען אויפ־פאסען, באנעהמען, באגרייפען? און דאס איז נאך נישט אלדינג, דאס זענען נאר עטליכע פראגען, עטליכע רעטענישען פון דעם אומדערשעפ־

ליבען קוואל, אנגעווארפען בלויז, כדי די אלוויסענדע חכמים זאלען זיך נישט איינרעדען, אז די שעפונג, אז די גאנצע עקזיסטענץ איז אזוי איינפאך, אזא אלטעגליכע, כמעט געשעפטסמעסיגע אנגעלעגענהייט, אז איינער זאל קענען רוהיג און מיט זיכערקייט א קלאפ טון אין טיש אריין און אויסרופען: רבותי, איך וויים אלעס, אזוי־און־אזוי איז עס און אנדערש קען עס נישט זיין!

נאר אז איגנאראנטער, אומוויסענדער מענש קען רעדען מיט אזא זיכערען, אלוויסענדען טאן וועגען די העכסטע פראגען און פראבלעמען, ווי גאט אדער די אומשטערבליכקייט פון דער מענשליכער נשמה. די שעפונג, דאס לעבען, די גאנצע עקזיסטענץ איז פיל שעהנער, טיפער און קאמפליצירטער ווי דער גרעסטער דענקער אדער דיכטער איז עס אימשטאנד צו זעהן און אויפצופאסען.

איך בין געווען אן עקסטרעמער מאטעריאליסט, אבער די פאקטען בייטען זאכען. און די פאקטען האבען מיך באזיעגט.

דר. א. ר. וואלאס.

איך גלויב גערן, אז עס זענען פאראן מעהר אומ־זיכטבארע וועזענס אין אוניווערזום ווי זיכטבארע.

סעמיועל טיילאר קאלרידזש.

איך האב אליין געזעהן די פולשטענדיגע מאטערי־אליזירונג פון מיין (פארשטארבענער) מוטער.

פראפ. לאמבראזא.

ס'איז אבסאלוט אמת, אז עס איז געשאפען געווא־רען א פארבינדונג צווישען דער וועלט און יענע־וועלט.

פראפ. וו. קרוקס.

די אמת'ע וועלט איז פיעל פרעכטיגער ווי אונזער שענסטער חלום.

דר. שוסטער.

בײלאגע

איהר האָט געזעהן װי די טעלעפּאַטיסטען װילען מיט׳ן כח פון טע־לעפּאַטיע באַשטרײטען דעם ספּיריטואַליזם, און װי די ספּיריטואַליסטען באַװײזען פּונקט דעם געגענזאַץ — אַז טעלעפּאַטיע באַשטעטיגט די אומ־אָפּהענגיגקײט פון מענשען׳ס גײסט.

אַ פּנים, אַז די טעלעפּאַטיסטען האָבען שױן דערפיהלט זײער שװאַ־כע פּאָזיציע, װײל ס׳האָט זיך באַװיזען אַ געלערנטער, פּראָפ. בוראַק, װאָס װיל צושלאָגען די ספּיריטואַליסטען, שױן נישט מיט טעלעפּאַטיע, נאָר — מיט „לעבעדיגען מאַגנעטיזם.״

פּראָפ. בוראַק האָט אַנטדעקט אין זיך אַ קװאַל פון מאַגנעטיזם, מיט װעלכען ער באַװײזט װאונדער. אַ מאָל מיט׳ן האַנט און ער ציהט נאָך זיך אַן אבר פון אַן אַנדער מענשען, גאָר אָהן יענעם׳ס װיסען. און נישט נאָר מענשען. ער האָט פּראָבירט מיט אַ טישעל — און דאָס טישעל האָט זיך געהױבען און באַװעגט, לױט זײנע האַנט־באַװעגונגען, זיך אפילו נישט צוריהרענדיג צו דעם.

אַ אידישער שרײבער, מאַרק טאַלעראַז (פּסעװדאָנים), קומט דערפון צום שלום, אַז פּראָפ. בוראַק באַגראָבט גײסטער.

פאַר׳ן געהן צום דרוק איז נישט מעגליך זיך לענגער אָפּצושטעלען אױף דעם פאַלשען אױספיהר. װעל איך זיך באַנוגענען מיט עטליכע װערטער.

ה׳ ט. באַמערקט װעגען פּראָפ. בוראַק׳ס עקספּערימענטען : „פאַר די ספּיריטואַליסטען איז דאָס געװען די אַרבײט פון גײסטער. און מעהר קײן דערקלערונגען נישט ; פאַר דער װיסענשאַפט איז דאָס אַ כח, װאָס מ׳דאַרף איהם שטודירען.״

הײסט עס, אַז לאָדזש, פלאַמאַריאָן, לאָמבראָזאָ און די אַנדערע ספּיריטואַליסטען, האָבען נישט װאָס צו טהון מיט דער װיסענשאַפט ? פּראָפ. בוראַק יאָ. זײ — נישט...

און װאָס באַװײזען פּראָפ. בוראַק׳ס עקספּערימענטען אין דער װירקליכקײט ? אַז אין מענשען לעבען װאונדערליכע קרעפטען און ענער־

גיען, און אויף דעם ווייזען די ספּיריטואליסטען כסדר אַז. פּאַרלייקענען זיי דען די וואונדער פון דעם גייסט אין לעבעדיגען קערפּער ?

אויב דעם פּראָפעסאָר זאָל געלינגען מיט זיין „כשוף׳דיגער האנט״ צו באַוועגען אַן עלעקטרישען דראַט, נישט באַריהרענדיג איהם, וועט דאָס גאַרנישט אָפּלייקענען דעם פאקט, אַז דער דראָט קאָן אויך אויף אַן אַנדער אופן געבראַכט ווערען אין באַוועגונג...

האָט פּראָפ. בוראַק געהויבען א טישעל אָהן דער הילף פון גייסטער, רעדט עס גאַרנישט געגען דעם ספּיריטואַליזם. די ספּיריטואַליסטען זאָגען בלויז, אַז דאָס טישעל איז איינע פון די מיטלען, דורך וועלכע צו קאָמוניקירען מיט דער אומזיכטבאַרער וועלט. דאַן זענען די באַוועגונגען פון טישעל נישט די הויפּט־זאַך, נאָר די ידיעות און דערקלערונגען, וואָס די ספּיריטואַליסטען קריגען דורך די באַוועגונגען ארויס, מיט דער הילף פון אַלפאַבעט.

די ספּיריטואַליסטען וועלען זיכער דעם פּראָפ. בוראַק דאַנקבאַר זיין פאַר זיין אַנטדעקונג, וואָס שטרייכט נאָך שטאַרקער אונטער די מיסטעריע פון מענשליכען גייסט, וועלכער לעבט זיין אייגען לעבען, אויך נאָכדעם ווי דער פיזישער קערפּער איז שוין באַגראָבען. גייסטער באַגראָבט מען נישט !...

אינהאלט:

באמערקונגען צום בוך.

I. אומשטערבליכקייט.

II. די גרויסע מיסטעריע.

III. טעלעפאטיע און גייסטער־קאמוניקאציע

IV. די גייסטער־ספערען.

V. מיטטיילונגען פון „יענער זייט".

VI. בריעף.

VII. אונזערע פריינד פון „יענער זייט".

VIII. מעגליכקייט און אוממעגליכקייט.

IX. דער דראנג צו פאלקאמענהייט.

ווערטער פון גרויסע פערזענליכקייטען.

ביילאגע.